בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ"ז

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"הן מספרים ומאירין זה לזה"
ר' פנחס קיבליטשער
איצטער רעדט מען פון רבי'ן!
נחום שוסטער
די רוסן מעג מען בלאפן...
אז מען קומט אלצדינג איבער - איז פארט בעסער!
"חוץ מצֵא"...
"חבש כובע ישועה בראשו"
שורר בביתו
ויהי נא פי שנים ברוחך אלי
אזא אידן זעצט מען אוועק ביים בית הקברות?
משבת לשבת
ברויט מיט זאלץ
יגעתי ומצאתי
כי לא תשכח
אנדערהאַלבן מינוט בושה
ארז נפל במקומנו
בושה מיט שמחה
ווייס ווער דו ביסט!
אשר לא גזלתי אז אשיב
בענין זה היה חידוש נפלא!
אָנדולן דעם גוף
על דבר אשר לא צעקה!
והיה האוכל לפקדון

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #97

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
יוסף מענדל האס
מאנסי ארה"ב
1-845-200-0443
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
Rlyb148@Gmail.Com

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של $15 עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
נא לפנות אל מס'
(+1) `347-232-7166

בס"ד

# שיעור פרשת בהר בחוקותי

## שנת תשל"ה

(טייפ מס' 104#)

## הן מספרים ומאירין זה לזה

דער רבי זאגט אין די תורה 'אמור אל הכהנים': "והן מאירין זה לזה" - די תורה און תפילה לייכטן איינס צום אנדערן[א]. "השמים מספרים" - די תורה איז 'אש ומים', און "מספרים" איז מלשון 'לייכטן'. "הן מספרים ומאירין זה לזה" - זיי לייכטן איינער צום אנדערן; אזוי דארף זיין, איינס לייכט צום אנדערן: די תורה לייכט צו תפילה, און די תפילה לייכט צו די תורה; כדי צו האבן א דביקות צום אויבערשטן - איז נישט קיין נפקא מינה - 'תורה' 'תפילה', ס'איז גאר איין זאך.

❖

ר' מתתי'[ב] איז א גרויסער למדן געווען - און ער האט געלערנט מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן - א געוואלד. לייבעלע איז געווען זיינער א חבר - לייבעלע צערטנער[ג].

---

[א] וזל"ש סי' ב', אות ו': "וזהו (תהלים י"ט): **"השמים מספרים כבוד א-ל", היינו התורה שהוא אש ומים**, היינו בחינת הנשמות. ובאים בתוך התפילה, שהוא בחינת כבוד א-ל, כמו שכתוב (תהלים ס"ו): "שימו כבוד תהילתו", בחינת: "תהילתי אחטם לך". והנשמות עם התפילה, הנקרא כבוד, על שם שהיא מלבשת אותנו, כי 'ר' יוחנן קרא למאניה מכבדותא', ועל ידי זה נקראת כבוד א-ל. **והן מאירין זה לזה; הנשמות מאירין להתפילה בבחינת העלאת מיין נוקבין, והתפילה מאירה להנשמות בבחינת חידושין, שהיא מחדשת אותם בבחינת עיבור"**.

[ב] ה"ה **ר' מתתיהו הכהן הי"ד ב"ר נחום בארזעסקי**. גאון עצום ובעל ראש חריף, תלמידו של החפץ חיים, מגדולי חבורת העובדים באומן. נשלח בשנת תרצ"ח יחד עם עוד 26 מאנ"ש לארץ גזירה ועקבותיו לא נודעו.

[ג] ה"ה **ר' יהודה לייב (לייבעלע) הי"ד ב"ר יוסף מאיר צערטנער**. נולד בלאדזש שבפוילן בשנת תרס"ז-ח. נתקרב לאנ"ש בשנות נעוריו ונסע לאומן והשתקע שם. היה גם מגדולי האריות שבחבורת העובדים וגאון עצום בתורה. כחבירו גם הוא נשלח לארץ גזירה בשנת תרצ"ח ועקבותיו לא נודעו.

[נאכדעם האט מען זיי נעבעך פארשיקט...]. האט ער געזאגט: "דאס דביקות מיט וואס מתתי' לערנט צום אויבערשטן איז א געוואלד! מען זעהט ארויס אז דער מענטש איז אזוי דבוק אין דעם אויבערשטן, אז ער לערנט מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן!"

דאס זאגט דער רבי: "איינס לייכט צום אנדערן" - זיין דאווענען מיט זיין לערנען; די תורה הקדושה איז דען עפעס אפגעזונדערט פון דער דביקות צום אויבערשטן?! די תורה איז אלקות, און די תפילה איז אלקות, ס'איז דאך גאר איין זאך. נאר וואס דען? ביי אונז איז דאס א חילוק, אז דער מענטש איז נישט אזוי דבוק אינעם אויבערשטן איז אים א חילוק פון דעם ביז דעם, אבער דער אמת איז אז ס'איז קיין שום חילוק נישט.

❖ ❖ ❖

# ר' פנחס קיבליטשער

מיר האבן געהאט איינעם אין קיבליטש, ר' פנחס קיבליטשער. ער האט מקרב געווען דעם שווער (ר' אהרן קיבליטשער). און דער ר' פנחס איז געווען ביי דעם טאלנער דער וואס ער פלעגט רעדן מיט די אינגעלייט פון עבודת השם, ער איז געווען מיוחד ער זאל רעדן מיט זיי אין אידישקייט. ער איז געווען א כלי - דער ר' פנחס קיבליטשער.

און דער ר' פנחס איז געווארן אן איידעם אין אומאן, און דער שווער האט מורא געהאט אז היות אין אומאן איז דאך דא א ברסלב'ער שול - טאמער וועט ער דארט אריינגיין. האט ער מיט אים אלע טאג גערעדט: "דו זאלסט נישט אריינגיין אין דער ברסלב'ער שול". ער האט געהאט א 'שיעור' - דער שווער: "דו זאלסט נישט אריינגיין אין ברסלב'ער שול, דו זאלסט נישט דארט אריינגיין". זאגט ער אים: "איך גיי דאך נישט, וואס ווילט איר?!". ער האט זיך אבער נישט באגנוגנט, ער האט פארט מורא געהאט טאמער וועט ער יא אריינגיין (ע"כ הזהיר אותו פעם אחר פעם:) "דו זאלסט נישט אריינגיין, דו זאלסט נישט אריינגיין"...

(ביז דער ר' פנחס איז געווארן נייגעריג:) 'לאמיר זעהן וואס איז דא דארט אז (מען דארף מיר געבן) אזוי פיל הזהרות אז איך זאל נישט דארט אריינגיין'. ער איז אריינגעקומען, עס איז

געווען אין די אנהויב למד"ן (תר"ל יארן), און דעמאלט איז ר' אברהם ר' נחמן'ס פונקט געווען אין בית מדרש. [ר' אברהם ר' נחמן'ס האט שפעטער דערציילט: "איך האב פארשטאנען פארוואס ער איז אריינגעקומען"...] (ניגש אליו ר' אברהם ואמר לו:) "יונגערמאן, קום ארויף", איז ער ארויפגעגאנגען מיט אים אויבן אין ווייבער שול. האט ער מיט אים אפגעלערנט די תורה פון ט' תיקונים[ד] מיט די מראה[ה], און ער האט אים מקרב געווען...

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: "מיין טאטע (ר' נחמן טולטשינער) וואלט אים נישט געקענט מקרב זיין". ער איז געווען א גרויסער למדן - דער ר' פנחס, צו אים האט מען געדארפט (א אנדער כח).

דעמאלט איז געווען די ימי חורפו פון ר' אברהם ר' נחמן'ס. בימי חורפו האט ער געברענט און געפלאקערט. און אז ער האט מיט אים אפגעלערנט די תורה מיט די מראה - און ער (ר' פנחס) איז געווען א אינגערמאן א ירא שמים - ער איז געווען א טשאשטקע פריער אויך - איז ער געווארן מקורב.

איז געווארן אז מען האט אים געוואלט הרג'ענען - ממש געוואלט הרג'ענען. ר' נחמן טולטשינער האט א קוק געגעבן אז ס'איז שלעכט, האט ער אים אוועקגעשיקט צו א דארף "סטאפאטשיק" - ס'איז לעבן טולטשין - אין דעם געגנט דארטן, נישט ווייט פון אומאן. דארטן איז געווען איינער, 'ר' ישראל סטאפאטשיקער', וואס איז געווען פון ר' נתן'ס מענטשן, ער איז געווען א איד א צדיק. האט ער אים אוועקגעשיקט מיט א בריוו צו דעם ר' ישראל'ן.

ער איז געקומען אהין צו ר' ישראל'ן, און דער ר' ישראל האט דעמאלט געדאוונט מנחה - ער האט געזאגט די 'קטורת'. האט ער געזאגט די קטורת מיט אזא מין דביקות. ער האט געזאגט די ווערטער: "**ולמה אין מערבין בה דבש? מפני שהתורה אמרה!**", ער האט עטליכע מאל איבערגעזאגט: "מפני שהתורה אמרה" "מפני שהתורה אמרה"

---

[ד] ליקוטי מוהר"ן סי' כ'.

[ה] חיי מוהר"ן פ"ג.

מיט אזא מין דביקות. (התפעל ר' פנחס:) "רבונו של עולם, א איד זאגט קטורת פון א מנחה מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן!" - איז ער געבליבן שטיין (בהתפעלות).

אז ער האט אפגעדאווענט מנחה, האט ער אים איבערגעגעבן דעם בריוו, האט ער שוין גלייך געזעהן ווער ער איז. (אמר לו ר' ישראל:) "נו, וועט איר זיין דא ביי מיר, און איר וועט לערנען מיט מיינע אינגלעך". איז ר' פנחס געווען ביי ר' ישראל סטאפאטשיק - און האט זיך דארט אנגעזעהן זייער אסאך, ער איז דאך געווען א גדול - דער ר' ישראל, האט ער געזעהן ר' נתן'ס מענטשן ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט.

דער אויבערשטער פירט דאך דער וועלט, און דערווייל איז דער שווער געשטארבן, און זי (זוגתו של ר' פנחס) האט געוואוסט אז זי האט א מאן א צדיק, איז פארוואס זאל זי נישט זיין צופרידן מיט אזא מאן?! הכלל, איז געווארן צוריק שלום, און ער איז ארוים (וואוינען) קיין קיבליטש.

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט - - ר' נתן האט דאך א זאג געגעבן צום רבי'ן: "דאס וואס די וועלט ווייסט נישט פון אייך - איז מיר נישט קשה! [אבער פארוואס איך יא?!"]. (ענה לו רבינו:) "דאס איז אויך נישט קשה!".

- אזעלכע מענטשן, אזעלכע גדולים, און דער אויבערשטער האט געהאלפן (אז זיי האבן זיך דערוואוסט פון דעם רבי'ן) - אזא מין ר' פנחס. דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) האט גערעדט פון אים, האט ער געזאגט: "איך קען גארנישט מצייר זיין ווער דער איד איז געווען". ער איז נפטר געווארן ביי עטליכע און דרייסיג יאר, ער איז געווען נעבעך א חולה - און זיין עבודה!...

ר' אברהם שטערנהארץ האט מיר דערציילט, אז ווען ר' פנחס פלעגט רעדן פונעם רבי'ן, האבן אונזערע לייט געוואוסט אז ר' פנחס רעדט... ר' אברהם (שטערנהארץ) איז דעמאלט אלט געווען צען-צוועלף יאר. [ר' אברהם איז געבוירן תרכ"ב - ער איז געווען א קינד]. ר' אברהם האט דערציילט: אז דער רב (מטשעהרין, זקנו) האט אים געזאגט: "גיי זעה ווי א יונגערמאן רעדט פון דעם רבי'ן!" - אזוי האט ער אים געזאגט אויף ר' פנחס'ן. און ער האט מקרב געווען אין קיבליטש - א געוואלד! ער איז געווען א כח!

(ר' נחמן בורשטיין: ער איז נישט געווען פון קיבליטשש?) ניין, ער איז ארוים קיין קיבליטש. קיבליטש איז א קליין שטעטעלע, דארט האט מען נישט געוואוסט אז ער איז א ברסלב'ער חסיד, און ער האט געזאגט אז ער איז א מלמד, ער וויל לערנען מיט קינדער, האט מען אים געגעבן קינדער צו לערנען.

(ר' משה בינענשטאק: פארוואס איז ער נישט געבליבן אין אומאן?) כאטש זיינע עלטערן זענען שוין נישט געווען (בין החיים) איז אבער געווען א גרויסע התנגדות אין אומאן, דארט האט ער זיך נישט געקענט פארבאהאלטן, מען האט געוואוסט פון פריער ווער ער איז, אבער אין קיבליטש, א קליין שטעטעלע - ווער ווייסט (פון אים)?.

(ר' משה: ר' נחמן טולטשינער האט שוין געוואוינט אין אומאן אין יענער צייט?) יא, אוודאי; ר' נחמן איז ארוים קיין אומאן, תרכ"ו.

ער איז ארוים קיין קיבליטש און איז געווארן א מלמד, מען האט אים געגעבן קינדער צו לערנען. די טאטעס האבן געזעהן אז דאס זענען אנדערע קינדער גאר - קינדער מיט יראת שמים, ער האט מרגיל געווען די קינדער זיי זאלן געבן צדקה, (האבן זיי געזעהן אז אנשטאט) עפעס אויף צו קויפן זיך, גיבן זיי עס פאר צדקה, מיט דעם 'לשם יחוד' פונעם שערי ציון, זיי זענען געווען קינדער מיט דרך ארץ אין שטוב - דאס איז גאר עפעס אנדערש. האבן אלע אים אוועקגעגעבן די קינדער אויף צו לערנען...

אויף ראש השנה איז ער אוועקגעפארן פון קיבליטש, (וכששאלו אותו:) 'וואו ער פארט?', (ענה סתם:) 'ער פארט דארטן צו די צדיקים'. אזוי איז אוועקגעגאנגען יארן און מען האט נישט געוואוסט (אז ער איז א ברסלב'ער חסיד). דער שווער (ר' אהרן) איז אויך געווען פון זיינע תלמידים, און ער האט נישט געוואוסט...

(פעם אחת החליט:) 'עס איז געקומען די צייט אויסצוזאגן דעם סוד, והבוחר יבחר והחדל יחדל'. (ואמר לתלמידיו:) "זאלט איר וויסן, אז וואס איך רעד מיט אייך אזוי פיל, נעמט זיך אלצדינג פון - - (- מכח עצותיו של רבינו). האט מען שוין פארשטאנען ווער ער איז... האבן אסאך אפגעטראטן, און זעכצן זענען געבליבן. דער שווער איז געווען פון די וואס זענען געבליבן, (ר' נחמן: און ר' חיים קיבליטשער!) יא יא, ר' חיים - עובדי ה'.

(ר' משה: ער פלעגט פרעגן יעדן שטיק צייט ר' נחמן טולטשינער צו ער זאל מגלה זיין צו נישט?) **איך וויים נישט.**

❖ ❖ ❖

# איצטער רעדט מען פון רבי'ן!

דער ענין פון התבודדות, חצות, ס'איז אן עבודה, ממש ס'איז דאך א עבודה פון צדיקים.

אין קיבליטש איז געווען איינער. אין מיינע צייטן האב איך געטראפן נאר דעם זון, דער פאטער האט שוין נישט געלעבט. האב איך געהערט ווי מען האט דערציילט אז דער פאטער איז געווען א קאוולער, דאס הייסט א שמיד. און אז ער איז שוין געווען אויף דער עלטער און ער האט שוין נישט געקענט ארבעטן - האט דער זון געארבעט. וואס האט ער געטאן? פארטאגס פלעגט ער ארומגיין אין די הייזער מיט א פירל וואס ער האט געפירט - און יעדן איינעם געבעטן א שטיקל האלץ, און ביינאכט האט ער פאר די ארימעלייט ארייגעווארפן האלץ זיי זאלן האבן אויף צו הייצן, ס'דאך געווען גרויסע קעלטן אין רוסלאנד. ער איז אויפגעשטאנען חצות, און נאך חצות האט דער איד דאס געטאן...

אבער בשעת מען האט געלערנט דעם רבי'נס דיבורים - ער איז געווען א פראסטער מענטש, ער האט אפילו נישט געוואוסט דאס ענין וואס מען לערנט - אבער דאס האבן זיי געזעהן: ווען מען הויבט אן רעדן פונעם רבי'ן ווערט נשתנה פניו - **"איצטער רעדט מען פונעם רבי'ן! מען רעדט פונעם רבי'ן!"**.

האט מיר דער שווער אויסגעמאלט ווער דער נַפָּח איז געווען - וואס דער רבי האט געקענט מאכן: א פראסטער מענטש - אבער (שטארק אין) דעם ענין פון חצות און התבודדות; א מענטש אויף דער עלטער - און ער גייט ארום א גאנצן טאג און נעמט צונויף האלץ און גייט ארום ביינאכט צו די ארימעלייט אין די הייזער זיי זאלן האבן אויף צו הייצן - און דאס איז שוין נאך קימת חצות - נאך די אלע זאכענישן. אזא מענטש ס'איז דאך ממש - - ס'איז דאך א געוואלד, א איד דבוק אינעם אויבערשטן!

זעהען מיר דאך אז דעם רבי'נס עצה איז פאר דעם קלענסטן און פאר דעם גרעסטן. נאר איין זאך: מען זאל נעמען די זאך בתמימות ובפשיטות, אן קיין שום חכמות - 'אזוי האט דער רבי געהייסן, אזוי דארף מען טאן!' נישט וועלן מאכן חקירות און האבן ויכוחים; אז מען מאכט ויכוחים טויג שוין נישט[י].

❖ ❖ ❖

# נחום שוסטער

מיר האבן געהאט א חסיד א שוסטער אין אומאן, נחום שוסטער ע"ה. ער איז געווען א איד א צדיק. עס איז געווען א שטעטעלע לאֶמאַז אין פוילן, א קליין שטעטעלע, עס איז געווען א שטעטל פון לומדים. עס איז געווען רבי מרדכי - סאָקאָלאָווער רב - אזעלכע לומדים געווען דארטן. און ער (ר' נחום) איז געווען א פראסטער אינגל, ער האט אפילו נישט געקענט דאווענען. איז געווען עפעס א מעשה אז ער איז עפעס געוואויר געווארן פון אומאן און ער איז געווען אין אומאן.

אז ער איז געקומען קריק - עס איז געקומען האלבער נאכט, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און האט אפגערעכט חצות. (הלומדים רָאו:) 'נחום זאגט שוין חצות'. זאגן זיי אים (שפאטיש:) "נחום, וואס זאגסטו? וואס עפעס חצות?". (ענה להם:) "הערט זיך איין, איר זענט לומדים - פעלט אייך נישט קיין בית המקדש; איך בין א פראסטער מענטש - מיר פעלט יאָ דער בית המקדש; דערפאר זיץ איך און איך וויין אויף דער ערד אויפן בית המקדש - איך דארף האבן א בית המקדש!". זיי האבן דעם ענטפער געהערט (ונשתוממו:) 'עפעס אזא מין סארט ענטפער!?' - ער האט זיי גוט ארייגעזאגט. זענען פון די ווערטער מקורב געווארן ר' מרדכי סאקאלאווער און ר' שלמה גבריאל און נאך עפעס עטליכע...

אין דער מעשה דארטן פון דעם "בן המלך ובן השפחה שנתחלפו", שטייט דארט: 'ווען מען האט אוועקגעלייגט דער כלי אפילו אויף א בהמה האט אויך געשפילט דעם

---

[י] עי' עלים לתרופה מכתב ר"ג: **"והיזהר מעתה בני חביבי לבלי ליכנס בוויכוחים ונצחונות עם שאר בני הנעורים** שגם הם נצחנים כדרך בני הנעורים. ומזה נמשך כמה מחלוקת וסכסוכים המונעים ומפסיקים מאד מדרך האמת. כי הנצחון הוא מדמים עכורים שעדיין לא עבד בהם את השי"ת. **תרגיל עצמך להמשיך עצמך אל התמימות באמת"**.

שיינעם ניגון'. נאר וואס דען, פלעגן אונזערע לייט זאגן: אז מען לייגט ארויף דער כלי אויף א בהמה - א בהמה ווארפט נישט אראפ, זי האט נישט קיין שכל - ליגט זי טאקע! א מענטש ווארפט אראפ דער כלי; אז ער גיט זיך א דריי - פאלט דער כלי אראפ פון אים; אבער אז מען גייט בתמימות ובפשיטות, מען האלט טאקע דער כלי אויף זיך און מען ווארפט זי נישט אראפ, דעמאלט טאקע שפילט זי דעם שיינעם ניגון!

דער נחום איז געווען א איד א צדיק, איך האב אים געקענט, ממש א איד א צדיק, א געוואלד, א געוואלד! - און עס איז געווען אסאך אזעלכע מענטשן (ביי אונז). די עצות וואס דער רבי גיט, איז 'מקטן ועד גדול'[ז]. בדור הזה, אין די איצטיגע דורות האט דער רבי געזעהן ברוח קדשו אז אזעלכע גרויסע רפואות דארף מען געבן פראסטע מענטשן אויך - זיי דארפן אויך נעמען די רפואות. איי די וועלט וועט זאגן - 'ווי קומט צו אייך די רפואות, עס האט דאך גאר שייכות צו גדולים!?', נאר היינט איז אזא מין צובראכענע וועלט אז ער מוז אויך נעמען די רפואות, עס וועט אים אויך א טובה טאן![ח]

❖

דער רבי זאגט אין דער תורה פון "קרא את יהושע"[ט] אז אויב מען וויל קויפן אפרסמון זאגט מען אים - 'ווארט צו'. ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן וויל מען קויפן אפרסמון. אפרסמון איז א שמעקעדיגער שמן, א שמן משחת קודש, בוצינא קדישא. שמן איז א הייליגע זאך. פונדעסטוועגן זאגט מען אים - 'ווארט צו'. פארוואס הייסט מען אים ווארטן? - גיב אים, ער וויל דאך קויפן אפרסמון! ער וויל דאך זיין אן ערליכער איד! ניין, דאס קען נישט זיין באלד, צו דעם מוז מען ווארטן. און אז מען זאגט אים - 'ווארט צו', גיט מען אים טאקע דעם כח ער זאל (קענען) ווארטן. און וואס זאל ער דערווייל

[ז] עי' עלים לתרופה מכתב קס"ה: "**זכרו היטב** כל דיבור ודיבור וכל תורה ותורה וכל תפילה ותפילה וכל שיחה ושיחה **גודל העמקות הנפלא** והתנוצצות אלקות וגדולת הבורא יתברך וגדולת התורה והמצוות וגדולת צדיקי אמת וההתחזקות וההתעוררות **והעצות התמימות והפשוטות** וכו' שיש בכל אחד ואחד, ואיך בדרכי נפלאותיו ממשיך קיום התורה בכל איש ואיש מישראל **מגדול ועד קטן**, מעורר ישנים מקיץ נרדמים מחיה מתים ממש מגביה למעלה נפשות ישראל משאול תחתיות ומתחתיו לנטותם לתחיה לזכותם לחיים נצחיים".

[ח] עי' חיי מוהר"ן ש"צ.

[ט] ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ב', וזל"ש: "**כתר לשון המתנה**, בחינת תשובה, כמו שאמרו חז"ל (יומא לח: לט.): 'הבא ליטהר מסייעין לו. **משל לאחד שבא לקנות אפרסמון. אומרים לו: 'המתן'** וכו'. וזה בחינת כתר, כמו שכתוב (איוב ל"ו): "כתר לי זעיר ואחוך".

טאן? דערווייל טוה אין אידישקייט, האב התבודדות, ווארט צו, ווארט צו, מען וועט עם דיר גיבן, אבער נישט באלד׳.

❖ ❖ ❖

# די רוסן מעג מען בלאפן...

(ר' שמשון שווארטץ ז"ל [מגדולי אנ"ש בארה"ב - מאנרא, בבואו לארץ ישראל מציון רבינו הקדוש לראשונה בעת שהיה כמעט סגור ומסוגר בתקופת הקאמוניסטן]: ער וועט נאך פארן! טאמער וועט ער באקומען שפעטער א שטארקן חשק וועט ער שוין פארן!) **נו, דער אויבערשטער זאל העלפן.**

(חסר) (ר' שמשון: איך בין געווען ביים ציון ביינאכט ווען קען מען נישט זעהן, בייטאג האב איך שוין מורא געהאט...) **דער רבי זאגט אין תורה ל"ח** (אות ג'): **"כשרוח סערה שולט, אזי אין ביכולת לדבר בדרך ישר כי הרוח מבלבל אותו, וצריך לעקם את הדרך". 'ווען דער רוח סערה איז שולט, דער רוח איז אים מבלבל, דארף מען פארקרימען דעם וועג, מען קען נישט גיין מיטן גלייכן וועג'. נו האט איר מקיים געווען דעם 'לעַקם את הדרך'... זיי - די רוסן מעג מען בלאפן, זיי נארן די גאנצע וועלט...**

(הנוכחים: איר זענט געווען יעצט דעם ערשטן מאל?) (ר' שמשון: דעם ערשטן מאל!) **אז אברהם וועט געוואויר ווערן דערפון וועט ער באקומען א תשוקה!**

(ר' שמשון: מיין חבר איז יא אהיים געפארן. דער לעמבערגער האט אויך געוואלט קומען אהער, ער וואוינט אין מאנטריאל, יענער האט נאך גרעסערע מניעות, יענער האט מורא פון זיין שווער און פון זיין פאטער. איך ברוך השם האב נישט די מניעות, אבער ער האט געציטערט אז מען זאל געוואויר ווערן, איז ער שנעל אהיים געפארן, ער האט זיך געמאכט אז ער איז נישט געזונט אפאר טעג, האט ער אנגערופן אהיים, (אמרה:) אז די שוויגער פרעגט זיך שוין נאך כסדר וואו ער איז, און וואס ער איז...)

---

' עי' ליקוטי הלכות פקדון ה"ד, אות י': **"כי צריך להמתין הרבה עד שיזכה למה שיזכה** ...אך לא היה לנו כח להמתין כל כך כי כפי הנקודה טובה שבלב כל אחד מישראל הוא בוער ומתלהב מאד להיכלל בו יתברך ולדבקה בו. על כן ברחמיו נתן לנו את התורה הקדושה כי היא חיינו ואורך ימינו, כי על ידי התורה יש לנו במה להחיות עצמנו כל הימים אשר אנו ממתינים לישועתו להיכלל בו יתברך בשלימות, כי התורה היא אחדותו יתברך ועל ידי התורה בעצמה אנו זוכין לבוא אל התכלית האמיתי לדבקה בו יתברך. אך גם מי שאין עבודתו בשלימות ואפילו אם נדמה לו שעדיין הוא רחוק לגמרי ואפילו אם הוא באמת כך אף על פי כן **צריך להמתין ולצפות לישועתו - ולהחיות את עצמו בתוך כך בכל מה שיוכל פעם בתורה פעם בתפילה פעם בהתבודדות ושיחה בינו לבין קונו פעם בשיחה עם חבירו או רבו פעם בעשיית איזה מצוה וגמילות חסד פעם ברצון וכיסופין והשתוקקות שזה העיקר**, כמבואר בדבריו זכרונו לברכה (שיחות הר"ן נ"א) שעיקר הוא הרצון וכו' ובתוך כך לומדין כאילו לומדין ומתפללין כאילו וכו', עיי"ש". עכ"ל ז"ל.

(אחד הנוכחים: ווען פארסטו צוריק? (ר' שמשון: נאך שבת אי"ה; איך וויל זיין אין מירון אויף שבת!)
ברוך השם, זענט איר געווען ל"ג בעומר אין אומאן - אה!

(ר' שמשון: איך האב נישט געהאט קיין זכיה מער ווי צוואנציג מינוט, דער גוי האט מיר אוועקגעטריבן...)
נו נו, ס'איז גוט, ס'איז גוט! איר האט געזאגט דעם תיקון הכללי מיט אביסל התבודדות - ס'איז זייער גוט, ס'איז זייער גוט! (ר' שמשון: איך האב געזאגט פאר מיין חבר, "זעהט אויס איך האב נישט געהאט קיין זכיה פאר מער...")

רצון! דער כח פון רצון - אה!

❖

# אז מען קומט אלצדינג איבער - איז פארט בעסער!

עס איז געווען אמאל א שבועות[א] (תקס"ט), ר' נתן האט געהאט אזעלכע מניעות, איך האב געהערט אז ער האט דעמאלט עפעס חתונה געמאכט א יתומה און ער האט באדארפט צו זיין שבועות (אין שטוב) – אויף שבת[ב]. ער האט געדארפט זיין אויף דעם אויפרוף, ער איז דאך געווען דער מחותן, און ער איז אוועקגעפארן צום רבי'ן. האט ר' נתן פארשטאנען אז דער פאטער וועט גלייך שרייבן א בריוו צום רבי'ן און דער רבי וועט אים גלייך אהיים שיקן און אים זאגן 'פאר אהיים קריק'. האט ר' נתן זיך פארבאהאלטן, ער האט זיך נישט ארויסגעוויזן צום רבי'ן ביז ס'איז געווארן יום טוב.

אום יום טוב האט ער זיך געווענדעט גלייך צום רבי'ן, און דער פאטער האט טאקע געהאט געשריבן א בריוו צום רבי'ן. האט זיך אנגערופן דער רבי: "איך האב נישט געוואוסט אז דו האסט אזעלכע מניעות; אוודאי וואלט איך דיר ווען צוריק געשיקט, נאר אז מען קומט אלצדינג איבער - איז פארט בעסער אז דו ביסט דא". נו, ר' נתן האט גוט פארשטאנען, ער האט זיך באהאלטן פארן רבי'ן...

❖

[א] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, סי' ל"ה.

[ב] חג השבועות בשנה ההוא חל ביום א' וב'; נמצא ששבת לפני זה היה ערב שבועות.

# "חוץ מצֵא"...

**ווען דער רבי איז געווען שבועות אין זאסלאב** (תקס"ז) **- דארטן איז געווען די הסתלקות פון דער רעביצין** (בזיוו"ר)**. האט דער רבי געשריבן א בריוו צו ר' נפתלי'ן - אז קיינער זאל נישט קומען אויף שבועות, קיינער זאל נישט אויפהויבן 'את רגליו'. אז ר' נפתלי האט באקומען דעם בריוו, האט ער געשריבן צו אלע אונזערע לייט - אלע זאלן פארן[יג]. אט דאס האבן זיי געוואוסט: 'אלצדינג, נאר דאס נישט'! "חוץ מצא"[יד]... ס'איז געקומען א גרויסער עולם!**

**ר' נתן איז דעמאלט געווען אין מאהלוב, די בני בית מיט די קינדער זענען דעמאלט קראנק געווען, און ער איז אויך געווען קראנק א גאנצן זומער, און דעמאלט איז אויסגעקומען אז [דאנערשטאג] איז געווען ערב שבועות, און פון מאהלוב האט ער געדארפט** (ארויספארן צו) **זיין שבת אין ברסלב - און מוצאי שבת ארויספארן** (פון ברסלב) **- נאר אזוי אויף דעם אופן וועט ער קענען קומען קיין זאסלאב. טאמער וועט ער נישט קומען אויף שבת קיין ברסלב, קען ער בשום אופן נישט קומען קיין זאסלאב. דעמאלט איז געווען וואס ער איז געקומען אינמיטן וועג און ס'איז נאך געווען ווייט קיין ברסלב, האט ער דעמאלט געבעטן דעם אויבערשטן - ער זאל אים באשערן א פיהר מיט פיר פערד אומזיסט, און דער אויבערשטער האט געהאלפן[טו].**

❖

---

[יג] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, אות כ': "והנה דרכינו היתה לנסוע אליו תמיד על חג השבועות ורביז"ל הבין שיצטרך להתעכב בקהילת קדש זאסלוב גם בחג השבועות, **וכתב לנו אגרות שלא ירים אחד מאתנו את רגלו לבוא אליו על שבועות אבל רבי נפתלי נרו יאיר מנעמירוב שהיה פה בכל פעם וראה את האגרת פה קדם לכל אנשי שלומנו, עמד וכתב לי ולכמה מאנשי שלומנו וזרז אותנו שאף על פי כן נסע ונלך לרביז"ל** לקהילת קדש זאסלאב וכן עשו פה ברסלב ואנשי נעמירוב וטעפליק ודאשיב וכו' ונסעו לזאסלאב על שבועות".

[יד] עי' ספה"ק באר מים חיים, פרשת בא, פ"י: **"כבר נודע מה שהיו דורשי רשומות אומרים** (של"ה הקדוש במסכת ראש השנה עמוד הדין דף נ"ט ע"ב) **בפירוש אומרם** (פסחים פו:) **כל מה שיאמר בעל הבית עשה חוץ מצא. בעל הבית** היינו הקב"ה. **'כל מה שיאמר לך'** מהמצוות - **'עשה, חוץ מצא'** - שאם יאמר לך צא מביתי ואל תכנוס כענין אלישע-אחר אל תשמע לו אלא תכנס בתשובה וכו' ועיין שם שמאריך בזה בראיות מש"ס ומפרשים", עכ"ל.

[טו] עי' כל תוכן סיפור דברים אלו באריכות בימי מוהרנ"ת, שם.

(פונה לר' שמשון:) ברוך השם, א גרויסן פארמעג ארויסגעכאפט... מיט כל הון דעלמא קען מען דאס נישט אפצאלן!

❖ ❖ ❖

# "חבש כובע ישועה בראשו"

(ר' נחמן: ר' נתן שרייבט אין ימי מוהרנ"ת[טז]: "ואז לבש השטריימל", ווייזט אויס, אז ער איז נישט געגאנגען? ווייל דאס איז שוין געווען אין דעם צווייטן טאג שבועות!) ניין, ניין - פשט איז אזוי: "ואז לבש השטריימל" (מיינט), און ער האט זיך אוועקגעזעצט צום טיש "להראות פנים מסבירות קצת", נישט אז נאר דעמאלט האט ער אנגעטוהן דעם שטריימל. דער רבי איז געגאנגען א שטריימל כסדר, אבער אז ער איז געזעצן דארטן אזוי ביי זיך אין חדר, קען זיין איז ער געזעצן אן דעם שטריימל.

❖

דעם רבי'נס שטריימל האט ר' נתן געהאלטן אין בוזעם - ראש השנה, אבער ער האט דאס נישט אנגעטוהן, ער האט געהאט זיינער א שטריימל, דעם רבי'נס שטריימל האט ער קיינמאל נישט אנגעטוהן.

(ר' נחמן: ר' נתן איז יא געגאנגען א שטריימל?) יא, אוודאי, דארטן איז געווען שטריימלעך - נישט אזוי ווי דא, ס'איז געווען אביסעלע שמעלער, ס'האט אויך געהייסן א שטריימל...

(ר' שמשון: ווי אזוי האט עס ר' נתן געהאט? פארוואס איז עס נישט געגאנגען צו די קינדער?) מסתמא איז געווען אן הסכמה פון די קינדער, מסתמא האבן זיי מסכים געווען.

איינמאל ראש השנה איז געווען א געוואלדיגע קריגעריי, די מתנגדים האבן געדונגען פראסטע מענטשן (להכות את אנ"ש) - זיי האבן שוין געהאט דארטן זייערע שלוחים וואס זיי ווען דאס שוין טאן, דער ס"מ האט דאך אסאך שלוחים - ס'איז געווען מיט זייער

---

[טז] אות כ"ג, וזל"ש: **"בליל שבת קודש, שהיא שני דשבועות** (שם בזאסלאב), **אז לבש ה"שטריימל", ואז התחיל להראות פנים מסבירות קצת, וישב על השלחן כדרכו"**.

הסכמה (מהמתנגדים). האט מען געמוזט פארמאכן די לאָדנס בייטאג און אנצינדן לאמפן, מען האט נישט געקענט דאווענען (אנדערש), אזא מין (התנגדות) איז געווען.

און אז מען האט געענדיגט דעם דאווענען איז געווען אינדרויסן פול מיט די מענטשן צוווארפן שטיינער - ס'איז געווען א געוואלד, מען האט נישט געקענט ארויסגיין. שטייט דער גאנצער עולם און גייט נישט ארויס. פרעגט ר' נתן: "פארוואס גייט מען נישט?", זאגט מען אים: "מען קען נישט ארויסגיין אינדרויסן, ס'איז דא א חושך". האט ר' נתן דעמאלט אנגעטאן דעם רבי'נס שטריימל און ער איז ארויסגעגאנגען פריער - זענען אלע צעלאפן זיך, איז שוין דער גאנצער עולם נאכגעגאנגען. נאר דעמאלט האט ר' נתן אנגעטוהן דעם רבי'נס שטריימל, עס איז געווען ["וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא אליך ויראו ממך"[י]]. (ר' נחמן: אלו תפילין שבראש!) יא...

❖ ❖ ❖

# שורר בביתו

אין דער תורה פון "וביום הביכורים" (סי' נ"ו), א תורה פון שבועות, זאגט דער רבי אזוי: "כי יש בכל אחד מישראל בחינת מלכות"[יח] - אין יעדן איינעם איז דא א בחינה פון מלכות. "כל אחד לפי בחינתו האט ער א מלכות; יש שהוא שורר בביתו" - די ערשטע מלכות, איז שורר בביתו.

דער אויבערשטער האט געזאגט צו יחזקאל הנביא: "צֹפֶה נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל וכו', וְאַתָּה כִּי הִזְהַרְתָּ רָשָׁע וְלֹא שָׁב מֵרִשְׁעוֹ וּמִדַּרְכּוֹ הָרְשָׁעָה הוּא בַּעֲוֹנוֹ יָמוּת וְאַתָּה אֶת נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ". אז ער איז א שורר בביתו ליגט אויף אים א חיוב צו זיין א מושל בביתו. אז ער גיט אן הזהרה און נאכדעם (עשו מה שעשו) - "אתה את נפשך

---

[י] עי' גמ' ברכות ו' ע"א: "**וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך**. ותניא רבי אליעזר הגדול אומר: **אלו תפילין שבראש**".

[יח] וזל"ש, באות א': "**כי יש בכל אחד מישראל בחינת מלכות, וכל אחד לפי בחינתו, כן יש לו בחינות מלכות. יש שהוא שורר בביתו, ויש שהוא מושל ביותר, וכן יש שהוא מושל על כל העולם, כל אחד לפי בחינת המלכות שיש לו. בבחינות: "שרי אלפים ושרי מאות ושרי חמשים ושרי עשרות"** (שמות י"ח)".

הצלת". די ערשטע (מלכות) איז "שורר בביתו", אלע עוולות וואס טוט זיך אפ אין שטוב - אלץ ליגט אויף אים, ער דארף דאס פאררעכטן, ער איז דער מושל[יט]. (נקטע)

❖ ❖ ❖

# ויהי נא פי שנים ברוחך אלי

דער ענין פון "ויהי נא פי שנים ברוחך אלי"[כ] איז דאך א געוואלדיגע קשיא: ווי קען דאס זיין אז אלישע זאל בעטן ביים רבי'ן אליהו אזעלכעס וואס דער רבי אליין האט נישט - "איך זאל האבן צוויי מאל דעם כח וויפיל דו האסט"? וואס ער האט - קען ער אים משפיע זיין, אבער 'צוויי מאל וויפיל ער האט' - ווי קען ער אים געבן א זאך וואס ער האט נישט? און ווי קען ער גאר בעטן אזא מין זאך?!

רעדט דער רבי ארום[כא] דאס דאזיגע: "נח נח" - זאגט דער זוהר הקדוש: "נח תרי זימנא", וויבאלד "כל צדיק וצדיק האט א רוח דלתתא און א רוח דלעילא" - דער

---

[יט] עיי"ש שם אות ג': "וצריך להמשיך אריכות ימים לתוך המלכות, שלא תהיה בבחינות (פסחים פ"ז:): 'הרבנות מקברת את בעליה'. כי כל אחד לפי בחינת המלכות שיש לו, הוא בחינת צופה, שמוטל עליו להזהיר ולהוכיח את האנשים שהם משרשו, שיש לו בחינת מלכות עליהם. ואם הוא מזהיר ומוכיח אותם, אזי הוא עושה את שלו, ומציל את נפשו, כמו שנאמר (יחזקאל ג, יז-יח): **"צופה נתתיך לבית ישראל וכו', ואתה כי הזהרת רשע ולא שב מרשעו וכו', הוא בעונו ימות ואתה את נפשך הצלת"**. אבל אם אינו מזהיר ומוכיח אותם, אזי העונש עליו (כמו שכתוב שם), ועל כן 'הרבנות מקברת את בעליה'. ועל כן צריך לראות להמשיך אריכות ימים לתוך המלכות, דהיינו שיראה שיוכל להזהיר ולהוכיח אותם".

[כ] מלכים-ב ב, ט.

[כא] וז"ל רבינו בליקוטי מוהר"ן סי' ס"ו, אות א': **"דע, שאפשר שיהיה התלמיד גדול מהרב**. דהיינו שיהיה לו פי שנים כרבו. ואף על פי כן, הכל יהיה בכחו של רבו. וזה בחינת: **"ויהי נא פי שנים ברוחך אלי"**, 'ברוחך' דייקא, שעל ידי בחינת הרוח עצמו של אליהו רבו, יהיה לו פי שנים כמותו. כי איתא, שיש להצדיק בחינת שני רוחות. רוח לעילא, רוח לתתא. כמו שכתוב (בראשית ו) "אלה תולדות נח נח", 'נח לעילא נח לתתא' [כמו שכתוב שם בזוהר נח דף נ"ט: על פסוק זה. עיין שם בתוספתא וזה לשונו: 'למה נח תרי זמנא, אלא כל צדיק וצדיק די בעלמא, אית לה תרין רוחין, רוחא חד בעלמא דין, ורוחא חד בעלמא דאתי. והכי תשכח בכולהו צדיקי וכו' עיין שם]. דהיינו שיש לו בחינת חיות למעלה, וחיות למטה. והרוח והחיות שלמעלה, הוא גדול מאד מאד. והתלמידים הם עם הצדיק משורש אחד, רק שהם תלויים בו כענפים באילן. שהאילן יונק חיותו משרשו, והענפים יונקים החיות דרך האילן. ...ובשעת הסתלקות הצדיק, אזי הוא משיג הרבה יותר ממה שהשיג בחייו, כל אחד לפי מדריגתו. כמו שמצינו ברבי שמעון בן יוחאי באדרא, וברבינו הקדוש, ובשאר צדיקים. ודע, שזהו על ידי שבשעת הסתלקות, אזי יורד ובא למטה בחינת הרוח והחיות דלעילא, ואזי נתחבקין ונתאחדים יחד, הרוח דלתתא עם הרוח דלעילא. כי באמת שניהם אחד, ותיכף כשנתגלין זה לזה, נתאחדין מאד באחדות גדול. **ומחמת שהרוח דלעילא אינו יכול להיות בזה העולם, כי טבעו אינו יכול לסבול כלל זה**

צדיק האט א רוח דלעילא. און אט די רוח דלעילא איז געוואלדיג פיל העכער ווי דאס התגלות וואס דער צדיק ווייזט ארויס דא אין דעם עולם; דאס התגלות אלקות איז דארטן פיל העכער. נאר וואס דען, דער רוח דלעילא איז אזא מין סארט התגלות וואס קען נישט אראפגיין דא, ווייל ער קען אינגאנצן נישט סובל זיין די וועלט. איז כל זמן דער צדיק לעבט, איז ער טאקע ממשיך חיות פון דעם רוח דלעילא, אבער אראפקומען ממש קען ער נישט בשום אופן. נאר אז ער דארף נסתלק ווערן, דעמאלט קומט אראפ דער רוח דלעילא.

און דער רבי זאגט: אז דאס איז אן ענין פון 'נשיקין', פון 'התדבקות רוחא ברוחא'. דער צדיק ווערט נסתלק - ווייל דער רוח דלעילא קען נישט סובל זיין די וועלט - נעמט ער (הרוח דלעילא) אים (הצדיק) מיט מיט זיך; אבער דער תלמיד איז מקבל פון דעם רוח דלעילא; דערפאר קען שוין זיין אזא מציאות אז ער זאל האבן "פי שנים", ווייל דער רוח דלעילא איז אראפ.

בחיי רבינו איז דער רוח דלעילא נישט אראפ, האט ער נאר מקבל געווען א חיות פון דער רוח דלעילא וואס ער האט אויבן, אבער בשעת הסתלקות איז דאך אראפ דער רוח דלעילא, נעמט דער תלמיד טאקע פון דעם.

---

**העולם, על כן נסתלק לעילא. ועל ידי זה נסתלק הצדיק**, כי כשנסתלק למעלה הרוח הנ"ל, נסתלק עמו הרוח דלתתא, מחמת שנתאחדו מאד באחדות גדול כנ"ל. **ועל כן הוא דבר גדול מאד, להיות בשעת הסתלקות הצדיק**, אפלו מי שאינו תלמידו. כי מחמת שאז יורד ונתגלה למטה הרוח דלעלא, נמצא שנתגלה אז הארה גדולה מאד, על כן הוא טובה גדולה לכל מי שנמצא אז שם, והוא טובה להם לאריכת ימים. וכמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה (חגיגה ה:): על פסוק (תהלים מ"ט): "ויחי עוד לנצח וכו', כי יראה חכמים ימותו". אבל להתלמידים מגיע הארה גדולה מאד אז ביותר, כי מחמת שהם תלויין בהצדיק, ויונקים משורש אחד. נמצא שזה החיות דלעילא, הוא חיותם ממש. ונתאחדים ונתחבקים גם כן עם זה הרוח באחדות גדול, כי הוא רוחם וחיותם ממש כנ"ל. ועל ידי זה, אם זוכה יכול לקבל פי שנים. **כי הצדיק שהגיע זמנו להפטר מן העולם, נסתלק על ידי האחדות שנתאחד עם הרוח דלעילא כנ"ל. אבל התלמידים שעדיין לא הגיע זמנן, אזי אדרבה נשאר אצלם הרוח דלעילא לגודל האחדות שנתאחד מאד עם הרוח דלתתא**, כי אי אפשר להם להתפרד עוד זה מזה. **נמצא שהצדיק נסתלק על ידי זה, על ידי שמושך עמו הרוח דלעלא את הרוח דלתתא, והתלמידים מגיע להם פי שנים על ידי זה. כי נשאר אצלם בחינות הרוח דלעילא, כי נתאחד מאד עם הרוח דלתתא** כנ"ל".

"בשעת מען האט אנגענומען דעם רבי'ן", ברענגט ר' נתן[כב], "האב איך אזעלכעם דערפילט וואס איך קען עס נישט ארויסגעבן". האבן אונזערע לייט געזאגט: "אז דעמאלט האט ער מקבל געווען פי שנים". וואס הייסט "פי שנים"? ווייל דער רוח דלעילא בלייבט איבער אזוי פיל, די השפעה גייט אזוי פיל פונעם צדיק, אז דער רוח איז אזוי איינס (גם עם התלמידים) - אז ס'ווערט א 'התדבקות רוחא ברוחא'. איז א ראיה דערפון אז דער תלמיד קען ארויסווייזן דעם רבי'ן מער וויפיל דער רבי אליין האט זיך ארויסגעוויזן בחייו.

דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל: "איך בין עלנד - קיינער נעמט זיך פאר מיר נישט אָן!"[כג]. [(ר' משה': אין זלאטיפאליע אין מקוה?) יא. עס איז געווען דארטן, ר' חייקל האט זיך אנגענומען...] עלנד' הייסט 'אליין', קיינער נעמט זיך פאר מיר נישט אָן. איך רעד דאך דערפון, אז עס איז פארהאן וואס דער צדיק קען זיך בשום אופן נישט אליין ארויסהעלפן; אבער דער תלמיד קען אויך נישט, ער האט מורא פאר'ן רבי'ן - 'דער רבי איז דאך דא'; אבער לאחר הסתלקותו דעמאלט עפנט ער דאס מויל...

טאקע ער (הרב ר' שמואל יצחק - רב דק"ק טשעהרין) האט געזאגט: "רבי נתן, מיר האבן דאך פונעם רבי'ן נישט געהערט דאס וואס מיר הערן פון דיר!"[כד]. אבער דאס איז נישט געווען קיין קשיא, אוודאי האט מען דאס פון דעם רבי'ן נישט געהערט, אוודאי האט מען דאס פון רבי'ן נישט געהערט![כה]

---

[כב] עי' ימי מוהרנ"ת אות ס"ו: "ואחר כך (אחר הסתלקותו) הוציאו אותו מביתו ואז תפסתי גם כן בכנף בגדו עם הנושאים יחד ונוציא אותו מביתו **והתנוצץ אז בדעתי מה שהתנוצץ גדולת הבורא יתברך כפי השיעור שבלבי אז שאי אפשר לספר אפילו לעצמו** (כנרשם במקום אחר (שיחות הר"ן א'))".

[כג] עי' שיח שרפי קודש ח"א, ס"א: "בעת שהיה דר בזלאטיפאליע, וסבל שם מאוד ממתנגדים, אירע פעם שבעת שהיה רבינו שם במרחץ ביזה אותו אחד מהמפורסמים; ואחר כך כשבא רבינו לביתו, אמר: **"איך בין אזוי עלנד, אז איך האב נישט ווער עס זאל זיך אנעמען פאר מיר"** וכו'.

[כד] עי' שיח שרפי קודש ח"ב, שי"ד.

[כה] עי' ליקוטי הלכות שבת ה"ה, אות י': "וזה שאמר משה ליהושע תלמידו דייקא צא הלחם בעמלק. ולא לחם עמו בעצמו. כי מחמת שכל מלחמתו של עמלק הוא כנגד בחינת משה שהוא הראש בית האמתי. להסתיר ולהעלים שמו חס ושלום. על כן אין יכול משה בעצמו להלחם עמו. **כי אין חבוש מתיר את עצמו מבית האסורים כי איך אפשר להצדיק להגדיל ולפרסם שם עצמו?!** על כן ציוה לתלמידו יהושע צא הלחם בעמלק. כי דייקא התלמיד של הצדיק האמת הוא יש לו כח להלחם בעמלק שרוצה להעלים ולהסתיר שם הצדיק

ר' נתן האט געהאט אזעלכע מענטשן - א געוואלד! דאס התגלות מיט דאס ברענונג צום אויבערשטן!

❖

## אזא אידן זעצט מען אוועקביים בית הקברות?

אזעלכע מענטשן האט ר' נתן געהאט וואס ר' נתן איז געגאנגען צו זיי - רעדן מיט זיי; זיי האבן נישט געהאט קיין צייט צו קומען צו ר' נתן'ען.

איינער איז געווען - ער האט געהייסן, ר' נחמן ר' יודל'ס. ווען ר' נתן איז ארויסגעקומען קיין ברסלב, איז דער ר' נחמן ר' יודל'ס געזעצן גאר אויפן פעלד, אויפן בית הקברות (היה שם השומר) - נעבעך אן ארימאן, און אז עס איז געווען א נפטר האט מען אים געגעבן אפאר גראשן.

- האט ר' נתן א זאג געגעבן: "אזא אידן זעצט מען אוועק ביים בית הקברות? אז ער קען אמאל נישט האבן אויף שבת, קען מען ביי איינעם צונעמען א קינד כדי מען זאל אים געבן א זעקסער!". קיינער גיט דאך אים גארנישט, ווער האט אים אינזין?! אז חלילה עס מאכט זיך א נפטר, גיט מען אים עפעס א צוויי גראשן. 'ער קען אמאל נישט האבן אויף שבת, קען מען ביי איינעם צונעמען א קינד מען זאל געבן אים א זעקסער' - אזא איד טאר מען נישט זעצן אויפן בית הקברות. האט מען אים אראפגענומען, און ר' נתן האט אים אנגעהויבן תומך זיין. ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש - אלץ געווען בכח פונעם רבי'ן.

❖

---

הזה. **כי בחינת יהושע תלמידו כל עסקו וכל תחבולותיו לפרסם ולהגדיל שמו הקדוש והנורא של הצדיק הזה בעולם.** וכמו שכתב רביז"ל על פסוק "ביד כל אדם יחתם לדעת כל אנשי מעשהו" וכו' (בסימן קס) שדייקא על ידי התלמידים של הצדיק יכולין לידע גדולת הצדיק ובוודאי כל כוחו של בחינת יהושע תלמידו להלחם בעמלק הוא בוודאי רק מהראש בית בעצמו שהוא בחינת משה. כי בודאי אין כח ליהושע שהוא בחינת התלמיד ללחם מלחמה עצומה ונוראה כזאת!".

# משבת לשבת

טאקע דער ר׳ אברהם ר׳ נחמן׳ס, מיר האבן אים געקענט נאר אויף דער עלטער, אבער איך האב געקענט אידן וואס האבן אים געקענט אין דער יוגנט, בימי חורפו. האבן זיי מיר געזאגט, אז ער וואלט געווען בימי רבינו א חידוש מיט זיין עבודה - א געוואלד!

ער האט געהאט א שוועסטער, רחל, זי פלעגט אים רופן: "אברהם׳ניו". האט זי מיר געזאגט: "צענדליגער יארן איז מיין אברהם׳ניו אוועקגעגאנגען מוצאי שבת - און געקומען פרייטאג פארנאכט" (- צוריק אהיים). ער האט מיטגענומען דארטן דארע פארטרינקענטע סוכארעס, מיט א קרוג וואסער.

אזא איד, א גרויסער למדן, א גרויסער בעל מח - וואס האט אזא איד געטאן א גאנצע וואך אין פעלד? ס׳איז דאך נישט שייך - אויב ער זאל וועלן פילן אז ער האט נישט קיין כח, וואלט ער דאס נישט געטאן, ער וואלט נישט אוועקגעגעבן די יארן דערויף. אויב דארטן האט ער געמאכט דעם ביאור הליקוטים, פארשטייט מען דאך, האט ער עפעס געהאט א לעבן, א חיות. פאר צענדליגער יארן זיין א גאנצע וואך נאר אין פעלד - און אויף וואס איז ער געלעגן, אויף א שטיין? און וואס האט ער געגעסן? און ס׳איז דאך געווען מיט חיות, אויב נישט מיט חיות וואלט ער דאך דאס נישט געטאן. פון וואנעט האט ער געהאט חיות? נאר ער האט געהאט אזא מין הרגשה אינעם רבי׳נס זאך, ער האט אזוי געברענט אינעם רבי׳נס זאך, ער האט געשפירט אזא מין התגלות אלוקות, אז ער האט גארנישט געפילט אינגאנצן דער זאך.

דעם רבי׳נס מוטער האט געפרעגט דעם רבי׳ן אמאל: "זאג מיר, פון וואס לעבסטו?" (ענה לה רבינו:) "איך לעב פון ׳החכמה תחיה את בעליה׳; און ס׳איז דא ביי מיר אזעלכע מענטשן וואס קענען אויך לעבן דערמיט" - זיי קענען אויך לעבן

פון "החכמה תחיה את בעליה", אזא מין סארט חיות איז דא ביים צדיק[כו]. אז דער אויבערשטער העלפט אז דער גוף ווערט אביסל אויסגעאיידלט, ציהט ער דעמאלט אזא מין חיות אלקות, אז ממש ער ווייסט אליין נישט פון וואנעט ער לעבט; פון חיות אלקות לעבט מען.

❖

# ברויט מיט זאלץ

די משנה זאגט[כז]: "כַּךְ הִיא דַּרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכֵל וּמַיִם בַּמְּשׂוּרָה תִּשְׁתֶּה וְעַל הָאָרֶץ תִּישַׁן וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה וכו' אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא". מען זאל זיך אויסמאלן, ברויט מיט זאלץ און שלאפן אויף דער ערד, און 'אשריך בעולם הזה'? ווי קען זיין אין דער וועלט אז א מענטש זאל לעבן מיט ברויט און זאלץ און שלאפן אויף דער ערד - און מען זאגט נאך "אשריך בעולם הזה"? וואספארא עולם הזה האט ער? נאר וואס דען, אז ער האט אזא מין חיות אין דעם ברויט און וואסער און פון שלאפן אויף א שטיין אויף דער ערד - אז ער לאכט זיך אינגאנצן אויס פון דער גאנצער וועלט מיט אירע תענוגים![כח]

דער רבי זאגט אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם", אז א תענוג פון א השגה פון איין רגע (בעולם הבא), איז בעסער מכל חיי עולם הזה[כט]. די סדר הזמנים פון דארטן, איז השגות; וואס דא ביי אונז איז א שעה, איז דאך דארטן א רגע; א השגה פון א רגע איז

---

[כו] מובא בחיי מוהר"ן סי' רל"ח: "עוד שמעתי מהרב רבי נפתלי ז"ל, שפעם אחת שאלה אותו אמו למה אינו דוחק את עצמו לאכל קצת - כי במה יחיה?. והשיב לה: **אני חי עכשיו רק עם החכמה תחיה את בעליה**. ואמר לה עוד: **יש אצלי אנשים כאלו שיודעים דברים כאלו שיכולים לחיות בהם בלא אכילה ושתיה** (פשוט דרצונו לומר אפילו אם יאכלו מעט דמעט בתכלית הצמצום יכולים לחיות בזה, כי עיקר חיותם הוא ממזון רוחני וכמובא גם בזוהר הקדוש)".

[כז] אבות פ"ו, מ"ד.

[כח] עי' שיחות הר"ן ש"ח. גם עי' ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעדוה ה"ו, אות ס"ד, צ"ד.

[כט] וזל"ש באות ו': "**כל הזמן של כל העולם הזה כולו, מה שהיה ומה שיהיה, הוא כולו אין ואפס נגד יום אחד, ואפילו נגד רגע אחת של עולם הבא, שהוא יום שכולו ארוך**. ושם אין שום זמן, כי הוא בחינת למעלה מהזמן, רק סדר הזמנים שיש שם הם בחינת השגות של המקיפים. שיש מקיפים שהם בחינת ימים, ויש מקיפים שהם בחינת שנים, בחינת: "תקופות הימים" (שמואל א א), "תקופות השנים" (שמות ל"ד ודברי הימים ב כ"ד) ואלו המקיפים שיש שם, הם בחינת סדר הזמנים שם. **והשגות מקיפים הללו זה עיקר התענוג והשעשוע של עולם הבא; אשרי מי שזוכה להשיגם**".

עפעס השגות אלוקות. זאגט דער רבי דארטן: אז דער גאנצער וועלט איז אין ואפס קעגן איין רגע פון עולם הבא. וואס איז דאס 'עולם הבא'? השגות אלוקות. אין א רגע איז ער משיג דעם אויבערשטן מיט אזא מין סארט השגות אלוקות - אז דער גאנצער וועלט טרעפט נישט אן קעגן די איינע רגע! - אט דאס איז דער אמת'ער צדיק, דער גאנצער וועלט מיט אירע תענוגים האבן נישט קיין שום ממשות אז ער זאל אוועקגעבן איין רגע דערפאר.

❖

# יגעתי ומצאתי

אין דעם רבי'נס זאך ליגט א געוואלדיגער כח, עס קען ארויסגעבן אזעלכע מיני (פירות). נאר וואס דען, מען דארף גוט הארעווען[ל]. **"פארוואס זוכט איר מיך נישט?! איך בין אן אוצר פון יראת שמים"**[לא]. 'פארוואס זוכט איר מיך נישט?!' - דעם רבי'ן דארף מען זוכן; און אז מען זוכט אים, געפינט מען אים.

"אז מען זוכט און מען האט נישט געפונען - זאל מען נישט גלויבן". **"יגעתי ולא מצאתי אל תאמין"** - איז דער פשט, אז עס איז דא ביי אים צוויי מאל 'אל תאמין': זאלסט נישט גלייבן אז 'יגעתי'; און זאלסט נישט גלייבן אז 'לא מצאתי'. אויב עס איז

---

[ל] עי' שיחות הר"ן קס"ה: "בכל פעם שהיה מספר מעוצם הפלגת מעלתו ומדריגתו הגבוה מאד מאד. היה אומר בכל פעם, אבל מאד יגעתי על זה. **איך האב זייער גיהארוויט. איך האב זייער פיל גיפאסט.** ועיקר סיפורו בפנינו דברים כאלו היה בשביל קנאת סופרים כדי שנהיה מקנאים עצמנו במעלתו הגדולה כדי שגם אנחנו נעשה כמותו ונלך בדרכיו להתייגע ולטרוח וכו' ולעבוד ה' כמותו. ופעם אחת סיפר עם אחד מענינים אלו והתפאר לפניו מעוצם גדולת מעלתו והשגתו הגבוהה העצומה וכו', כמו שמתפאר ומתגרה עם חבירו בגדולות כדי שיתקנא בו חבירו. וזה האיש אמר לו: מי יוכל לבוא לזה לזכות למדריגתכם כי יש לכם נשמה גבוהה מאד בודאי?! והקפיד רביז"ל מאד על זה. ואמר: **זהו החסרון שלכם, שנדמה לכם שעיקר גדולת והשגת הצדיקים הגבוהים הוא רק מצד הנשמה הגבוהה שיש להם כי באמת לא כן הדבר, רק כל אחד ואחד יכול לזכות לבוא למדריגתי להיות כמוני ממש. כי העיקר תלוי רק ביגיעות ועבודות באמת.** וכן שמעתי גם כן כדברים האלה מפיו הקדוש כמה פעמים שהעיקר תלוי רק ביגיעות ועבודות וכו'".

[לא] חיי מוהר"ן רצ"ה: "שמעתי בשמו שאמר אילו היינו רואין אוצר היינו רצים בוודאי אליו והיינו חופרים ומלכלכים עצמנו ברפש וטיט בשביל לחתור אחריו ולמצאו. **והלא אני אוצר של יראת שמים ומדוע לא יהיו להוטים ורצים אחרי לקבלו?** ושאלו אותו: איך אפשר לקבל? והשיב: עם הפה והלב צריכין לחתר ולבקש (מיטן פיסק און מיטן הארץ) בפיך ובלבבך לעשותו".

"יגעתי", איז "מצאתי". נאר די מצאתי, דער געפינען, איז דאך נישט אזוי ווי אן אנדערע מציאה; ביי אן אנדער מציאה וואס מען געפינט א זאך - אז איך האב געפונען, האב איך געפונען. אבער א געפינען פון רוחניות אויב דו הארעוועסט טאקע אזוי ווי מען דארף, האסטו יא געפונען - דו זאלסט נישט גלויבן אז לא מצאתי; און ווייטער טאמער האסטו נישט געפונען, זאלסטו נישט גלויבן אז יגעתי - יגעתי איז נישטא; ווארום אז מען זוכט, געפינט מען![לב]

דער רבי האט געזאגט: "פארוואס זוכט איר מיך נישט?! איך בין דאך אן אוצר פון יראת שמים". פארוואס זוכט איר נישט? זוכט מיך, וועט איר מיך געפינען. און וואס מען זוכט טאקע מער דעם רבי'ן, געפינט מען טאקע מער[לג]. דאס איז אזא רבי וואס מען דארף אים זוכן. וואו דארף מען אים זוכן? מען דארף זוכן אין די ספרים און די עצות, און רעדן צום אויבערשטן דיבורים[לד].

❖

[לב] עי' עלים לתרופה מכתב סד: "אפילו אם נדמה לו שאובד חס ושלום בכל פעם יותר אף על פי כן הוא יעשה את שלו ויחפש יותר, **ואף על פי שאינו מוצא כלל, צריך להאמין שבוודאי מוצא הרבה על ידי הבקשה והחיפוש לבד**, כי היגיעה אינו נאבדת כלל כי לית רעותא טבא דאתאביד, וזהו יגעתי ולא מצאתי אל תאמין, יגעתי ומצאתי תאמין, וקשה מה הוא לשון תאמין הלא יכולין לראות אם מצא אם לאו? אך באמת יכול להיות שייגע הרבה ונדמה לו שעדיין לא מצא כלל ומחמת זה הוא אומר יגעתי ולא מצאתי, אף על פי כן אל תאמין לו, רק **יגעתי ומצאתי תאמין, אף על פי שאין בידו מאומה מה שמצא אף על פי כן תאמין באמונה שלמה שבוודאי מצא הרבה, כי יש הרבה שאין מראין לו מה שמצא עד הסוף**, וגם אפילו אם לא מצא כלל עדיין, אף על פי כן מצא הרבה על ידי החיפוש והיגיעה לבד, כי היגיעה והחיפוש לבד אינו נאבד בשום אופן, ועל כן יגעתי ומצאתי תאמין, תאמין דייקא כנ"ל והבן היטב, כי לא דבר ריק הוא", עכ"ל. מובא גם בליקוטי הלכות ברכת הפירות ה"ה, אות א', עיי"ש.

[לג] עי' ליקוטי הלכות שלוחין ה"ה, אות ו': "**כי עיקר החיפוש הוא אחר הרוח הקודש של הצדיק** כנ"ל. **ולזה צריכין יגיעה גדולה וחיפוש הרבה עד שימצא. ואם יחפש באמת בוודאי ימצא**, כי אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו **ויגעתי ומצאתי תאמין** וכו', כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה".

[לד] עי' חיי מוהר"ן סי' רצ"ד: "גם אנכי שמעתי מפיו הקדוש שאמר **אני אוצר של יראת שמים שכל מי שרוצה יכול לקבל ממני**. ובאמת היה נראה בחוש שכל שנתקרב אליו נתמלא תיכף יראה גדולה ועצומה, ונתלהב מאד לעבודת השם יתברך אשר לא נראה כזאת. **וגם עכשיו עדיין יראתו הגדולה גנוזה בספריו הקדושים**, וכל מי שעוסק בהם באמת ובתמימות בא עליו יראה גדולה ומתעורר מאד להשם יתברך כי כל דבריו כגחלי אש".

# כי לא תשכח

מען האט גערעדט טאקע היינטיגע וואך (ל"ג בעומר) - וואס ר' שמעון האט געזאגט: ["כי לא תשכח מפי זרעו"[לה]]. עס איז דא אסאך סארטן שכחה: עס איז דא א שכחה וואס מען לערנט און מען פארגעסט; און עס איז דא א שכחה וואס א מענטש טוט עפעס אן עוולה און ער פארגעסט פון דער עוולה, ער האט נישט קיין זכרון צו געדענקן די עוולה, אבער אז ער רעדט צום אויבערשטן דערמאנט ער זיך די עוולה - דאס טאר מען אויך נישט.

אין דער ענין פון זכרון איז דא אסאך סארטן - איך טוה עפעס אן עוולה: א קוק, א טראכט, א רעד - און נאכדעם גייט עס אוועק פון מיר, איך ווייס גארנישט אז איך האב געטאן אן עוולה. אבער אז מען היט אפ די עצה פונעם רבי'ן - פון 'רעדן צום אויבערשטן', דערמאן איך זיך: 'רבונו של עולם, איך האב דאך געטאן דער זאך' - (קומט אוים) איז דאס מסוגל צו זכרון - מען זאל געדענקען, מען זאל נישט פארגעסן די זאך[לו]. אז נישט פארגעסט מען גאר. אין אסאך זאכן איז כלול דער כח פון "כי לא תשכח".

אז מען וועט טאן עוולות און מען וועט פארגעסן אז מען האט געטאן עוולות וועט מען דאך נישט אויסרעדן די עוולות, ממילא וועט מען דאך אוועקגיין אן תשובה. אפילו ער האט טויזענטער מצוות, אויב ער האט איין עבירה און ער האט נישט געטאן קיין תשובה, וועט ער באקומען אן עונש פאר דער עבירה, ער מוז דאך טאן תשובה אויף דער עבירה. איי - דו האסט אזוי פיל מצוות, זאל דער אויבערשטער אראפנעמען א מצוה פאר די עבירה? (נאר דער פשט איז:) 'דער אויבערשטער נעמט נישט קיין שוחד',

---

[לה] גמ' שבת קלח:

[לו] **ביטול השכחה ולזכות לזכרון הוא על ידי הדיבור בבחינת 'זכור בפה'** כמו שאמרו רז"ל. כמו שרואין בחוש שעל ידי שחוזרין משנתו כמה וכמה פעמים בפה מלא על ידי זה זוכרין לימודו תמיד וכו'... וכן צריכין להתבודד בכל יום ולדבר בפה מלא מתכלית עולם הבא כנ"ל. כי הדיבור יש לו כח גדול להזכיר את האדם כנ"ל. וזה בחינת: **"מדי דברי בו זכור אזכרנו"**, כמו שמבואר במקום אחר (סי' ע"ח, עיי"ש)". גם עי' עוד מזה בעלים לתרופה, מכתב פ"ח.

ביים אויבערשטן איז שייך שוחד?! איך נעם נישט קיין מצוות פאר אן עבירה; ווען סטו תשובה טאן אויף דער עבירה - ווערט עס אוים עבירה, אז נישט - אפילו דער גרעסטער - פאר אן עבירה מוז ער האבן (אן עונש).

# אנדערהאַלבן מינוט בושה

מען דערציילט: איינער איז געווען מתלמידי האר"י ז"ל, גאר א גרויסער מענטש געווען, און ער איז נפטר געווארן, און דארט למעלה האט מען געזעהן: א צדיק א קדוש, א זכאי געוואלדיג. אבער דארטן איז דאך אן עלמא דקשוט - אן אמת'ע וועלט, דארטן איז מען נישט מוותר אויף קיין שום זאך. איז געקומען איינער, ער האט עפעס א קטרוג אויף אים, עפעס אן עוולה. ער האט אים דערמאנט אז מען האט דיר אמאל אויפגערופן צו די תורה, און ביי דיר איז עס נישט געווען לפי כבודך, האסטו מקפיד געווען, און עס איז געווען אן עלבון תורה, מאָן איך פאר דעם עלבון התורה.

ער האט א טענה - מען האט אים געמוזט אויסהערן (דעם מקטרג). נאר ווייל ער איז געווען אזא מין גדול, האט מען אים געגעבן א האלבע מינוט בושה, נישט מערער. (אחד הנוכחים: אנדערהאלבן מינוט בושה) אנדערהאלבן מינוט האט מען אים געגעבן. האט ער געזאגט, "השם יתברך האט אים מכסה געווען בצל ידו ווייל ער איז געווען א צדיק אז די בושה זאל נישט זיין אזוי גרויס, ווען נישט דעם וואלט ער בעסער באַשטאנען גילגול איידער די אנדערהאלבן מינוט בושה!" - אזוי גרויס איז דער צער הבושה דארטן.

דער רבי זאגט טאקע, אז דער צער הבושה איז נאך גרעסער ווי דער צער גיהנום[לז]. וואס איז אנדערהאלבן מינוט? דא איז דאך אנדערהאלבן מינוט גארנישט, אבער דארטן איז די השגות אלוקות אזוי גרויס אז אנדערהאלבן מינוט איז א געוואלד! דא האט עס גארנישט קיין ערך וואס דארטן הייסט אנדערהאלבן מינוט...

---

[לז] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, בסופו: "**וצער הבושה גדול מאד יותר מעונש גיהנם**". ובליקוטי תפילות על תורה זו כותב מוהרנ"ת, בזה"ל: "אתה לבד ידעת שאין צער ועינוי ויסורין בעולם נחשבים כלל כנגד הצער של הבושה הזאת חס ושלום, **ואפילו צער גיהנום הקשה ומר מכל מיני יסורין קשים ומרים שבעולם הזה אשר אם יתקבצו יחד כל מיני יסורים ועינויים קשים ומרים שבעולם, על אדם אחד, חס ושלום, כל ימי חייו חלילה, לא יהיו נחשבים מאומה כנגד שעה אחת ואפלו כנגד רגע אחת של צער של גיהנם ואף-על-פי-כן אפילו צער של גיהנום הקשה אינו נחשב כלל כנגד צער הבושה, שהוא צער גדול מכל מיני צער ויסורים שבעולם**, ואפילו מצער גהינום, כאשר גילו לנו צדיקיך האמתיים".

זעהען מיר דאך עפעס ארויס, וואס עס הייסט די צדיקים וואס זענען אזוי דבוק אינעם אויבערשטן.

# ארז נפל במקומנו

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"ח: "ארז נפל במקומנו", אז וואס ביי אן אנדערן הייסט גאר השגות אלוקות, עס הייסט גאר א מדריגה, אבער ביי אים (אצל הצדיק זה נחשב כירידה) טוט ער אזוי פיל תשובה כאילו חטא איזה חטא. ["וזה שסיפר התנא[לח]: ארז נפל במקומנו, ועברו עליו י"ו קרנות על חודו. כי ידוע שהצדיק שעובד את השם בדביקות גדול ובשכל גדול], כשנופל לאיזה מדריגה פחותה ממנה, אף-על-פי שזאת המדריגה שהוא עכשיו בה, גם היא מדריגה גדולה לערך שאר הצדיקים, אבל מחמת שלפי ערכו הוי לה נפילה, הוא מתבייש בזה המדריגה כאילו חטא איזה חטא, ועושה תשובה על-זה כאילו חטא, ובא על-ידי-זה לבושה גדולה".

דער רבי הויבט אן די תורה דארטן: "יעדער מענטש דארף זיך ארומזוכן אין אלע צייטן צו ער איז דבוק אין השי"ת. און דער סימן פון דביקות", זאגט דער רבי, "איז תפילין"[לט]. וואס מיינט מען תפילין? רבי נתן דארטן אין דער תפילה, בעט ער דעם אויבערשטן בפשיטות אויף תפילין כשרים, בתים, רצועות. אבער דער רבי זאגט ווייטער: אז תפילין מיינט מען בושה; אז א מענטש וויל וויסן אויב ער איז דבוק, (אזוי הסימן -) אויב ער האט בושה פאר'ן אויבערשטן, אויב ער שעמט זיך. א מענטש דארף זיך שעמען פאר'ן אויבערשטן, ער דארף האבן בושה אין זיך. דער רבי זאגט: עס איז דא א בושה וואס די בושה איז נאר אינעווייניג, און א בושה וואס מען איז ממשיך על פניו וואס מען דערקענט אויפן פנים[מ].

---

[לח] בכורות נז:

[לט] וזל"ש, אות א': "**כי צריך כל אדם לפשפש את עצמו בכל עת, אם הוא דבוק בהשם יתברך. והסימן של דביקות הוא תפילין, כי תפילין הם סימן על הדביקות**".

[מ] שם באות ה': "וכשמדבר בינו לבין קונו דברי אמת שבלבו, בהתעוררות בתשובה, ורואה פחיתותיו וגדולת הבורא. כי עד עכשיו השליך חטאתיו אחר כתפיו ולא עיין בהם, ועכשיו כשיודע אותם, אזי נכנס בו בושה גדולה על גודל פשעיו, כנגד רב ושליט עיקרא ושרשא דכל עלמין. והבושה הזאת עדיין איננה בפועל, **היינו שהבושה הוא בפנימיות, ואין מתגלה על פניו**, כמו שכתוב (תהלים ס"ט): "כסתה כלמה פני". כי זאת הבושה היא

# בושה מיט שמחה

וועלכע זאך איז א סימן אז ער איז דבוק? אויב ער האט אין זיך בושה! דער רבי זאגט 'א סימן' מען זאל זיך נישט אפנארן! ממילא אז מען האט אין זיך גאוה איז דאך גאר דער היפך פון בושה; ווי קען איך דעמאלט זיין דבוק צום אויבערשטן?! און אפילו אז ער האט נישט קיין גאוה, אבער אויב ער האט נישט קיין בושה, ער שעמט זיך נישט פאר'ן אויבערשטן - בושה איז א סימן אז ער איז דבוק! נאר וואס דען, די בושה דארף זיין - נישט מיט קיין עצבות ח"ו; דורך עצבות איז מען ווייט פון דעם אויבערשטן, עצבות האט דער אויבערשטער פיינט, עצבות איז גאר סטרא אחרא[מא]. בושה איז א שמחה.

ר' אברהם אין ביאור הלקוטים[מב] פרעגט ער די קשיא דארטן: וויבאלד 'כל צדיק נכוה מחופתו של חבירו'[מג], וואספארא עולם הבא האט ער? אז ער וועט כסדר האבן בושה פאר יענעם - וואספארא עולם הבא איז דאס? די גמרא[מד] זאגט קעגן (לגבי) ר' יוחנן - זאל מען זעצן ר' יוחנן לעבן ר' חייא'ן? האט מען אוועקגעזעצט ר' ינאי אינדערמיט. זעהען מיר, אז אפילו ר' יוחנן וואס ער איז געווען דער מרא דארעא דישראל און אלעם, אבער זיצן לעבן ר' חייא האט ער נישט געקענט. און דארט אז מען זעצט אים אוועק דא (ואומרים לו:) 'דא איז דיין פלאץ' - פארוואס איז יענער נענטער? איז דאך אזא מין בושה. דאס איז א בושה פון צדיקים, זיי זענען צוזאמען געווען אין

קודם התשובה, וזה ידוע אין דומה בן כפר לבן כרך. כל מה שמקרב ביותר אל המלך בשתו גדול. וכל מה שיודע ביותר בכבוד המלך, הוא בוש יותר מהמלך. וקודם התשובה, עדיין ידיעתו בקטנות. על ידי זה בשתו אינו בפועל על פניו, כי חטאותיו מטמטמין שכלו וידיעתו, על ידי רוח שטות שבקרבו, כמו שאמרו (סוטה ג'): 'אין אדם עובר עבירה' וכו'. **אבל אחר כך כשעושה תשובה, ומסיר ממנו הטיפשות, ונתוסף בו שכלו. אזי הוא מתבייש ביותר, ונתגלה הבושה על פניו. והבושה הזאת הוא בחינת אור התפילין, שנתגלה על פניו במצחו.** ועיקר התגלות הבושה היא במצח, כמו שכתוב (ירמיה ג'): "ומצח אשה זונה היה לך מאנת הכלם".

[מא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא מ"ח: **"ודע, שתיכף כשאדם רוצה ליכנס בעבודתו יתברך, אזי תיכף היא עבירה גדולה כשיש לו עצבות, חס ושלום, כי 'עצבות היא סטרא אחרא** (זוהר נח דף עא)**, והשם יתברך שונא אותה'"**.

[מב] עי' ביאור הליקוטים סי' כ"א. גם עי' פרפראות לחכמה על סי' ו', אות י"ט.

[מג] גמ' בבא בתרא עה.

[מד] עי' בבא מציעא פה:

דעם עולם - און ער איז נענטער, און דער איז נענטער. פרעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס די קשיא: וואספארא תענוג האבן זיי - וויבאלד ס'איז כסדר בושה? רעדט ער ארום פון דער בושה דארטן - דאס גרויסקייט פון דער בושה, דאס חיות אלקות איז אזוי פיל גרויס - אז די בושה איז מיט חיות... - ער רעדט ארום א גאנצער שמועס דארטן אין ביאור הלקוטים.

דא איז אויך דאס אייגענע; דער רבי זאגט דא אז דער סימן אז מען איז דבוק אינעם אויבערשטן, אז מען האט בושה. א מענטש דארף זיך שעמען, האבן בושה - און די בושה דארף ארייגגיין מיט שמחה! (ולכאורה) א בושה קומט דאך אויב איינער גיט אים א פארשעם, ווערט ער דאך ממש איבערראשט? (אבל באמת) ס'איז א בושה, דו דארפסט זיך שעמען, אבער ס'זאל זיין מתוך שמחה. דער עיקר (שמחה) איז דאך בלב[מה], און וואו דארף זיין די בושה? אויך בלב. (נמצא) וואס דער מענטש איז מער פרייליך איז דאס הארץ ביי אים נישט אזוי פארשטאפט - קען ער האבן מער בושה, און מיט מער בושה קען ער האבן מער שמחה.

ר' נתן ברענגט טאקע אז ביים רבי'ן איז תמיד געווען א בושה על פניו[מו]. די תורה (סי' ל"ח הנ"ל) האט דער רבי געזאגט שבת שירה תקס"ב[מז], ר' נתן איז מקורב געווארן תקס"ב אלול[מח], (קומט אוים) איז ר' נתן נאך נישט געווען מקורב ביי דער תורה.

---

[מה] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ה', ובעוד כמה מקומות: **"ועיקר השמחה הוא בלב**, כמו שכתוב (תהלים ד): **"נתתה שמחה בלבי"**.

[מו] עי' שיחות הר"ן קס"ח: "גם סיפר מגודל הבושה שהיה לו. שהיה מתבייש מהשם יתברך והיה מרגיש ממש הבושה על פניו. והיה מרגיש כמו מי שמתביש מחבירו מאד. כי היה מרגיש שמתחילין מראה פניו להשתנות לכמה גוונין כדרך המתביישין ממש בלי שום שינוי **וכבר נתבאר מגודל הבושה והיראה שהיתה מונחת על פניו תמיד אשר לא נראה כזאת**. והרב הקדוש מורנו הרב רבי נחום זכרונו לברכה מטשערנאביל ראה אותו בימי נעוריו בקהילת מעדוועדיווקע, ונתבהל מעוצם היראה שהיה על פניו אז, ואמר **שמה שנאמר** (שמות כ יז): **"למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" זה רואין בחוש אצלו!"**.

[מז] חיי מוהר"ן נ"ט.

[מח] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, אות ב': **"בשנת תקס"ב בחדש אלול זכיתי להתקרב לאדונינו מורינו ורבינו הקדוש והנורא הרב האמת מורנו רבי נחמן זכר צדיק וקדוש לברכה והוא אחז בידי וקרבני ברחמיו המרבים, ונשא אותי כאשר ישא האומן את היונק"**.

דער רבי האט אמאל א פרעג געגעבן ר' נתן'ען: 'ווערסט אמאל ריטשע רויט פארן אויבערשטן?!'. "ריטשע רויט" הייסט אין אוקריינע שטארק רויט. דאס הייסט, 'אז דו רעדסט צום אויבערשטן דיבורים ווערסטו אמאל ריטשע רויט?' אזוי ווי איינער ווערט פארשעמט, אזוי ווי איינער וואס מען גיט אים א בזיון, ער ווערט פארשעמט. רעדט מען דא אז א מענטש דארף האבן א מידה פון בושה. ממילא אז מען האט אין זיך די מידה פון בושה, איז מען זיך מתבייש צו זיין א קריגער, מען איז מתבייש צו ווערן אין כעס, מען איז מתבייש צו רעדן פון אנדערע. די בושה איז א געוואלדיגער יסוד צום לעבן. דער סימן אויף דביקות, זאגט דער רבי, איז בושה. און אין דעם ענין פון בושה איז אויך די חילוקים (כנ"ל).

# וויים ווער דו ביסט!

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן איז שייך פאר דעם קלענסטן און פאר דעם גרעסטן[מט] - פאר דעם גרעסטן אין זיין ערך. (למשל:) דער רבי רעדט פון התבודדות, די תלמידי בעל שם זענען געגאנגען אין די וועלדער, אין די פעלדער - און דער רבי הייסט אונז אויך גיין. דער תירוץ איז, איך זאל זיך נישט אפנארן אז אויב מען הייסט מיך גיין בין איך שוין אויך אזוי ווי יענער. מען האט שוין כמה מאל גערעדט דאס, אז אפילו מיר זענען קליינע מענטשן, גיט מען אונז גרויסע רפואות, אבער אין דער אמת'ן איז דאס רפואות פאר גרויסע מענטשן, נאר איר מוזט אויך נעמען די רפואה, אבער דו זאלסט נישט מיינען אז ווייל מען גיט דיר אזא רפואה ביזסטו שוין אויך א גרויסער, לאז דיר נישט נארן, מען גיט דיר נאר די רפואה ווייל דו ביסט אזא מין חולה אז דו דארפסט נעמען אזא שטארקע רפואה.

התבודדות איז א שטארקע רפואה, דאס איז א רפואה פון גדולים, אבער דו מוזט נעמען די רפואה, דו קענסט זיך נישט אויסהיילן (אנדערש), דו ביסט ביי אזא גרויסן

[מט] עי' שיחות הר"ן ס' קל"א: "כי כל דבריו זכרונו לברכה הם כלליות גדול, וכל תורה ותורה כלול מכל התורה כולה. ומכל בני אדם שבעולם בכל דרגה ודרגה. מן תכלית קצה העליון עד תכלית קצה התחתון. היינו שעם כל תורה ותורה ושיחה שלו יכול לעבוד את השם יתברך הגדול במעלה בתכלית המעלה, וכן אפילו הקטן והפחות בתכלית דיוטא התחתונה יכול גם כן לשוב להשם יתברך ולמצוא עצות לנפשו על ידי אותה התורה בעצמה. כי הם כלליות נפלא מאד".

רבי'ן, דער משה רבינו, און דו מוזט נעמען די רפואה. מען דארף אבער האבן א גרויסן משקל! דו רעדסט טאקע צום אויבערשטן דיבורים - אבער ווייס ווער דו ביסט! האב נישט קיין טעות אז 'ווייל איך האב שוין התבודדות בין איך דאך שוין א גדול, איך נעם דאך א רפואה פון א גדול'[נ].

אז ער שטייט אויף דארט אין דעם עת רצון בייִנאכט - 'וואס קען זיין גרעסערס פון מיר? איך שטיי אויף בייִנאכט, און איך האב התבודדות - בין איך דאך כאחד מתלמידי הבעל שם!'... - דאס איז א געוואלד! מען גיט דיר טאקע רפואות וואס גדולים האבן גענומען די רפואות, אבער דער רבי זעהט אז ווייל דו ביסט אזא חולה מוז איך דיר געבן אזעלכע רפואות. א געוואלדיגן ישוב הדעת דארף מען האבן: רעדן צום אויבערשטן דיבורים - און וויסן, זיך קענען.

❖

# אשר לא גזלתי אז אשיב

מיר האבן פריער גערעדט פון דעם ענין פון שכחה, אז אויב דער מענטש איז זיך מרגיל צו רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דעמאלט פארגעסט ער נישט אז ער טוט עפעס אן עוולה קעגן דעם אויבערשטן, ער געדענקט אז איך דארף דאך רעדן פארן אויבערשטן, ווי קען ער פארגעסן?! דערמאנט ער זיך, ממילא ווערט ער געוואויר אז דאס איז אויך אן עוולה. דער גאנצער ענין פון התבודדות - פלעגן אונזערע לייט זאגן - איז דאס, אז אלעמאל דעקט זיך אויף - 'אוי אוי, דאס טאר מען דאך אויך נישט'.

[נ] עי' ביאור הליקוטים, דברי פתיחה: "גם מבואר מדברי רביז"ל לענין הצדיקים יחידי הדורות, שקודם ירידת הצדיקים לזה העולם, יש ביכולת להיות איש כשר ועובד את ה' גם זולת זה הצדיק ותורתו. ומשבא לזה העולם, אין ביכולת כלל לזכות זולתו וזולת תורתו למה שצריך לזכות. וכפי הנראה מדבריו הקדושים, שזה נמשך מדרכי השם יתברך בהנהגת העולם, זה לעומת זה. **ובירידת הצדיק הרופא נפשות לזה העולם, ברפואות ותחבושות יקרות ונפלאות שלא נתגלו עדיין מעולם. נתחדשים כנגד זה, מחלות ומכאובים חדשים שלא היו עדיין בעולם, ושאין ביכולת לעמוד כלל כנגדם, אם לא בסגולות ורפואות הצדיק, שנתחדשו וירדו כנגדם באלה העתים. והבלתי מתרפא בהם, אבדה תקותו חס ושלום".**

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל', אז תשובה איז **"בבחינת שאינו יודע לשאול"** - ער טוט תשובה אויף וואס ער ווייסט נישט, **"בבחינת אשר לא גזלתי אז אשיב"**[נא]. איז די קשיא, אז איך ווייס נישט - אויף וואס זאל איך בעטן? איך ווייס דאך נישט? דער תירוץ איז, אז דורך תשובה וועט זיך אים אלץ אויפדעקן נייע זאכן: 'אוי, דאס טאר מען דאך אויך נישט! דאס טאר מען דאך אויך נישט!' - דאס וואס פריער איז געווען ביי מיר א היתר גמור. פארוואס? די וועלט הייסט 'עלמא דשיקרא', און יענע וועלט איז 'עלמא דקשוט'. אויב איך האב נישט קיין שייכות מיט יענע וועלט - די וועלט אליין איז א פאלשע וועלט, עס איז פאלש, איך בין זיך מורה היתר אז דאס מעג איך, און דאס דארף איך, דאס טוה איך, עס איז א פאלשע וועלט. אבער אז ער האט א קשר צום אויבערשטן - איז ער מקושר אין עלמא דקשוט, האט ער גאר אן אנדער אמת, ער ווערט שוין געוואויר - 'אוי דאס טאר מען אויך נישט, און דאס טאר מען אויך נישט'.

וואס א מענטש האט מערער שייכות מיטן אויבערשטן, ער רעדט מער צום אויבערשטן, איז ער דאך מער דבוק אינעם מקור האמת, דעקט זיך אויף פאר אים אזא אמת וואס פריער האב איך געהאלטן אז מען מעג דאס, אבער נאכדעם ווערט ער געוואויר - 'אוי, דאס טאר מען דאך אויך נישט, דאס טאר מען דאך אויך נישט'. ער ווערט אלעמאל נענטער - און עס איז פארט מתוך שמחה!

# ובענין זה היה חידוש נפלא!

דער רבי זאגט טאקע אין דעם אנדערן חלק, אין תורה י': 'אז דאס וואס די וועלט איז ווייט פון השי"ת איז ווייל זיי האבן נישט קיין ישוב הדעת; און קומען צו ישוב הדעת איז נאר דורך שמחה'; מען קען זיך (אנדערש) נישט מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן[נב].

---

[נא] וזל"ש, באות ו': "ישמעאל, הוא בחינת בן שאינו יודע לשאול. כי ישמעאל עשה תשובה כמו שאמרו רז"ל (בבא בתרא טז:). **ועיקר התשובה היא בבחינת שאינו יודע לשאול. היינו לעשות תשובה ולשאול כפרה מהשם יתברך על שאינם ידועים, שזה עיקר התשובה, בבחינת** (תהלים ס"ט): **"אשר לא גזלתי אז אשיב"**.

[נב] וזל"ש: **"מה שהעולם רחוקים מהשי"ת ואינם מתקרבים אליו יתברך, הוא רק מחמת שאין להם ישוב הדעת, ואינם מיישבין עצמן.** והעיקר - להשתדל ליישב עצמו היטב, מה התכלית מכל התאוות ומכל עניני העולם הזה, הן תאוות הנכנסות לגוף, הן תאוות שחוץ לגוף, כגון כבוד, ואז בוודאי ישוב אל ה'. **אך דע, שעל ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו, ועל כן קשה לו ליישב דעתו. רק על ידי השמחה יוכל להנהיג המח כרצונו, ויוכל ליישב דעתו, כי שמחה הוא עולם החירות,** בבחינת (ישעיה נ"ה): "כי בשמחה תצאו", שעל ידי

׳ישוב הדעת׳ איז דאך דער עיקר אז מען קען צובינדן דעם מח צו א געדאנק און האבן א געדאנק, פאַרהאַלטן דעם מח. זאגט דער רבי דארטן, אז נאר דורך שמחה גייט ארויס דער מח לחירות - אזוי קען ער האלטן דעם מח. טאמער נישט קיין שמחה, קען איך נישט האלטן דעם מח - דער מח לאזט זיך נישט. דאס אז ער זאל קענען צובינדן צו זיך דעם מח - איז א קלייניקייט? דאס איז גארנישט קיין קליינע זאך.

**״על ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו״** - זאגט דער רבי, ער קען נישט פירן דעם מח כרצונו, ער וויל דאך רעדן א רעיון, אויסרעדן א שמועס פאר׳ן אויבערשטן, און זיך מעמיק זיין אין דער זאך - ׳איך ליג דאך אין דער זאך - און די זאך טאר מען נישט׳ - צו רעדן פארן אויבערשטן אט דער זאך מוז ער דאך צובינדן דעם מח דערצו. זאגט דער רבי, אז דורך מרה שחורה קען ער בשום אופן נישט פירן דעם מח כרצונו, ער קען נישט, דערפאר איז אים שווער ליישב דעתו; נאר דורך שמחה. ווייל ׳שמחה׳, זאגט דער רבי, איז עולם החירות, ער איז פריי, דער מח איז אים פריי, דער מח האט נישט קיין שום שעבוד, אין מח ליגט אלע שעבודים - אזא שעבוד, אזא שעבוד.

ר׳ נתן זאגט טאקע[נג], אז דער רבי האט נישט געהאט אין זיך קיין שום שעבוד, מען האט אים נאר געזעהן תמיד אָן קיין שום שעבוד, ער איז געווען אין הויכע זאכן. וואס דער מענטש האט אין זיך מער שעבוד, קען ער נישט רעדן צום אויבערשטן, ער האט אין זיך אלע בילבולים, דאס איז דאך אלץ שעבודים - אזא שעבוד, אזא שעבוד - די

שמחה נעשין בן חורין ויוצאין מן הגלות. ועל כן כשמקשר שמחה אל המח, אזי מוחו ודעתו בן חורין, ואינו בבחינת גלות, ואזי יוכל להנהיג את מחו כרצונו ולריישב דעתו, מאחר שמוחו בחירות ואינו בגלות. כי על ידי גלות אין הדעת מיושב, ...ולבוא לשמחה הוא על ידי מה שמוצא בעצמו איזה נקודה טובה על כל פנים, כמבאר על פסוק: ״אזמרה לאלקי בעודי״ (בלקוטי הראשון, בסימן רפב), עיי״ש ...וזה בחינת (שבת עז:): ׳בדיחא דעתה׳, שהוא דבר גדול, דהינו שמקשר השמחה למחו ודעתו, ואזי המח משוחרר, ויש לו ישוב הדעת כנ״ל, **וגם למעלה נעשה מזה יחוד גדול על ידי בדיחא דעתה**״.

[נג] עי׳ שיחות הר״ן סי׳ ע״ו: ״ואף על פי שהיה עליו טירחא דציבורא שהיה עוסק הרבה עמנו ועם כל אנשיו לקרבם לעבודת ה׳. וליתן לנו עצות בכל עסקינו וכו׳ וכו׳, וגם מוחו היה משוטט תמיד בהשגות גבוהות ונוראות תמיד וכו׳ וכו׳, אף על פי כן היה עוסק בלימוד התורה בפשיטות הרבה בכל יום ויום. **ולא היה טרוד כלל, רק תמיד היה בישוב הדעת. ובענין זה היה חידוש נפלא ואי אפשר לספר מזה כלל. ומחמת זה היה לו פנאי על כל דבר**. ותמיד היה לימודו במהירות גדול מאד״.

תאוות איז אלץ שעבודים. אבער דורך שמחה איז ער א בן חורין, ממילא קען ער פירן דעם מח כרצונו, קען ער רעדן צום אויבערשטן דיבורים.

# אָנדולן דעם גוף

אונזערע לייט פלעגן זאגן: אויף יעדע עצה פונעם רבי'ן קען מען זאגן דאס לשון וואס שטייט אין זוהר הקדוש: "אלמלא לא באנו לעלמא אלא למשמע דא - די"[נד]. כמה פעמים איז דא אין זוהר הקדוש וואס ווען זיי האבן געהערט פון ר' שמעון'ען (איזו התגלות חדשה, אמרו:) 'ווען מיר זאלן קומען נאר הערן דאס, איז שוין אויך גענוג'. פלעגן אונזערע לייט זאגן: "און ווער שמועסט נאך - אז אויף די עצה פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים' - מעגן מיר זאגן בפה מלא: אז אויב דאס התקרבות פונעם רבי'ן זאל מער נישט זיין נאר די זאך - איז שוין גענוג!".

לעתיד וועט מען וויסן דאס גרויסקייט דערפון וואס מען רעדט זיך אויס פאר השם יתברך!

'דערצייל אים אלעם אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד' - וואס איז עס שוין?! דער אויבערשטער ווייסט דאך ממילא אלצדינג - דערצייל אים אלעס!

אין זוהר הקדוש שטייט[נה] טאקע - צוויי מאל שטייט עס אין זוהר: אז אויב דער מענטש האט פארן אויבערשטן וידוי דברים - דעמאלט איז אים דער אויבערשטער אליין דן, און ווען דער אויבערשטער איז אים דן, גייט ער ארויס א זכאי. ווען איז אים דער אויבערשטער אליין דן? אז ער האט פארן אויבערשטן וידוי דברים. ביים אויבערשטן איז אזוי חביב די זאך - ער זאל דערציילן אלצדינג דעם אויבערשטן. וידוי דברים, דער רבי האט געהייסן האבן וידוי דברים, 'זיינע' וידוי דברים.

---

[נד] עי' הרבה במכתבים של מוהרנ"ת.

[נה] עי' פנחס רכו:, ויקרא כ.

ר' איצעלע[נו] דער מגיד'ס האט אויך געהאט פארן רבי'ן וידוי דברים לפי ערכו[נז]. דער ענין פון וידוי דברים איז נאר דער פשט, אזוי ווי מען האט גערעדט פריער, יעדער איינער דארף 'זיך' קענען, ער דארף זיך וויסן, איך דארף דערציילן מיין וידוי פאר דעם אויבערשטן, מיינע נארישקייטן וואס איך פאל דורך, און א העכערער (מענטש) זיין וידוי דברים (כי בישוב הדעת אמיתי לפי ערכו הוא מבין) אבער יענע זאך טאר מען דאך אויך נישט (כנ"ל).

ביי יעדן איינעם אין זיין ערך איז דא אן ענין פון וידוי דברים, און דאס איז ביים אויבערשטן אזוי חביב - אז דער אויבערשטער אליין איז אים דן. פארוואס? ווייל ער האט געהאט א שייכות מיט מיר, ער האט נאר וואס מיט מיר גערעדט - בין איך אים אליין דן. און אז דער אויבערשטער אליין איז אים דן, גייט ער ארויס א זכאי. דאס איז אזא מין עצה, אזא מין עצה; די עצה דארף מען זייער אסאך איבעררעדן, אסאך חזר'ן.

[נו] חתן ר' יקותיאל המגיד מטירהאוויצע. התקרב לרביז"ל בין השנים תק"נ-תקנ"ט יחד עם חותנו. נתגדל בביתו של הרה"ק ר' זושא זצוק"ל.

[נז] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות כ"ד: "אמר המעתיק, רבי יצחק חתן המגיד ז"ל הנ"ל היה איש מצויין ומושלם בכל המעלות, למדן גדול בתורה ועסק בעבודת ה' כל ימיו, ונתגדל בבית הצדיק יסוד עולם הרב ר' זוסיא זצ"ל, וקודם פטירת הצדיק והטהור הנ"ל שאל אותו לאיזה צדיק אתקרב, והשיב לו לזה הצדיק שיעסוק בוידוי דברים, היינו שיצוה למקורביו שיתוודו לפניו ויתן להם תיקונים על כל דבר, (ושמע שקורין לאנשי שלומנו "די וידוי'ניקעס" [הודויניקים], וכשנסע בפעם ראשונה לרבינו הקדוש וראה שאנשי שלומנו יוצאים ודמעתם על לחיָים מהוידוי דברים) ובא להבית המדרש, והיו אז שם עוד הרבה אנשים, ורמז רביז"ל אל כל האנשים שיצאו לחוץ, והסירו כולם הטלית והתפלין מעליהם ויצאו ורצה ר' יצחק הנ"ל גם כן לצאת, ולקח רביז"ל את הקליאמקע [הידית] וסגר את הדלת, ולא נשאר בבית המדרש רק אדמו"ר זצ"ל ור' יצחק הנ"ל ורבינו זצ"ל עשן את הלולקע והלך אנה ואנה בבית המדרש, ונפל על ר' יצחק הנ"ל אימה ופחד גדול, והתחיל להזכיר את עצמו כל מה שעבר עליו מיום קטנותו עד היום ההוא, וניגש אליו רביז"ל ואמר לו בזה הלשון, **"היינט זאג"** [עתה תאמר], והתחיל להתודות לפניו כל לבו ורביז"ל דיבר עמו מה שדיבר, ומאז נתקרב אל רביז"ל בהתקרבות עצום ונפלא, ועסק כל ימיו בתורה ותפילה, והיה איש צדיק וירא אלקים כנודע לכל מכיריו".

דעם גוף דארף מען אנדולן מיט דיבורים[נח] - און ער הערט, ער וועט הערן[נט], "**אעא דלא סליק ביה נהורא - מבטשין ליה, גופא דלא סליק בה נהורא דנשמתא - מבטשין ליה**" - א לשון פון זוהר[ס]. "מבטשין ליה" - מען דארף אנקלאפן דעם גוף. נאר מיט דיבורים קען איך אנקלאפן דעם גוף, און מיט תורה תפילה - רעדן אסאך, אנקלאפן, אנקלאפן, ביז ער הערט און ער ווערט אויסגעאיידלט!

# על דבר אשר לא צעקה

מען פלעגט זאגן טאקע: אז דער דין וחשבון פון א ברסלב'ער וועט זיין א שווערער דין וחשבון: 'פארוואס האסטו נישט געפאלגט דיין רבי'ן?! דו האסט דאך א רבי'ן מיט אזעלכע עצות. דו האסט געפאלגט דעם רבי'ן און נאכדעם ביסטו געווען אזוי ווי דו ביסט?! ווען דו פאלגסט דעם רבי'ן וואלסטו געווען גאר עפעס אנדערש, פארוואס האסטו דעם רבי'ן נישט געפאלגט?!'.

[נח] עי' חיי מוהר"ן תמ"ג: "ושמעתי בשם רביז"ל שאמר גם לכמה אנשים אחרים, **מחמת שהגוף שלכם עב מאד ועז וחזק וכו' על כן דארפט איהר איהם אסאך אן דולען** [צריכים אתם להלעיט אותו] עם דיבורים קדושים מענין התכלית וכנ"ל. וממילא מובן כי צריכין לדבר עם עצמו גם כן דיבורים הרבה מענין התחזקות לחזק את נפשו, בכדי שלא ירפו ידיו לגמרי חס ושלום. וכמובא בהשירים והחרוזים של רביז"ל, ובמקומות הרבה מדבריו זכרונו לברכה. וכמו שאנו אומרין בכל יום בבוקר מה אנו מה חיינו וכו' לבד הנשמה וכו' אבל אנחנו עמך וכו' אשרינו וכו' וכמובא בדבריו זכרונו לברכה בליקוטי תניינא סימן קכ"ה, עיי"ש".

[נט] עי' חיי מוהר"ן, אות תמב: "לאחד מגדולי מקורביו ז"ל ציוה לו בימי נעוריו של המקורב הנ"ל שבשעת התבודדות ידבר הרבה בפרטיות עם כל איברי גופו ויסביר להם שכל תאוות הגוף הבל. כי הא סוף כל אדם למות, והגוף לקברות יובל וכל האברים יבלו ויתרקבו וכו' ועוד דיבורים כיוצא באלו. והתנהג כך איזה זמן. ואחר כך סיפר עם רביז"ל **והתנצל לפניו באשר שהגוף אינו שומע ומרגיש כלל כל דבריו וטענותיו עמו. אמר לו רביז"ל התחזק בענין זה, ואל תרפה ידך מזה, ותראה אחר כך מה שיהיה מהדיבורים הללו**. ושמע לעצתו וקיים דבריו עד שזכה אחר כך שכל איבר ואיבר שדיבר עמו בפרטיות נמשך אחר דבריו כל כך, עד שיצא ממנו החיות ממש ונשאר בלא כח והרגשה כלל. וזה ראה בחוש באיברים החיצוניים כגון אצבעות ידיו ורגליו וכיוצא בזה, עד שאיברים הפנימיים שהחיות תלוי בהם כגון הלב וכיוצא היה צריך לצמצם דבריו מאד בכדי שלא תצא ממנו החיות ממש רחמנא לצלן".

[ס] שלח קסח.

**ר' נתן רעדט אין א הלכה[סא]: "על דבר אשר לא צעקה"[סב] ביי 'נערה המאורסה', אז אויב די עבירה איז געווען אין פעלד, (אין דנין לה), ווייל "צעקה - ואין מושיע לה"; אבער אז די עבירה איז געווען אין שטאט, איז (דנין לה בסקילה). פארוואס? "על דבר אשר לא צעקה"! 'ווען דו וואלסט ווען געשריגן, וואלט ער די עבירה נישט געטאן'. פארוואס האסטו נישט געשריגן?! אז דו וואלסט ווען געשריגן וואלט מען דיר געהאלפן! פארוואס האסטו נישט געשריגן?!'.**

**קומט דאך אליך אוים דער ענין פונעם רבי'נס זאך: יעדע זאך וואס מען לערנט, דארף מען וויסן, אז דער רבי האט געהייסן מאכן פון תורות תפילות, וואס דורך דעם ווערן אזעלכע שעשועים "אשר מימות עולם לא עלו"[סג], אזעלכע שעשועים האט דער אויבערשטער אז מען מאכט פון תורות תפילות.**

❖

**ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגט טאקע: אז (וואס מיינט) "חכמתו מרובה ממעשיו"[סד] - די מעשיו זאלן זיין מער ווי די חכמה? (אם כן) דארף מען דאך אוועקגעבן אזוי פיל! זאגט**

---

[סא] עי' ספר השתפכות הנפש, אות י"ב: "אמר המעתיק: עין בספר "ירח האיתנים" כתב יד מהרב הקדוש מטשעהרין, זצ"ל, על התורה תהומות יכסיומו ב"ליקוטי מוהר"ן" חלק א' סימן ט', שכתב שם לענין יום הדין של ראש השנה שעיקר דינו של אדם הוא על שלא היה זהיר בענין התפילה כי על ידי תפילה יכולין לבוא לכל טוב לתורה ולמעשים טובים ולתשובה ולהינצל מן החטא וכמו שתקנו רז"ל, תפילות הרבה על זה וזה מובן בדברי רז"ל (עירובין ס"ה), שאמר רבי אלעזר בן עזריה: יכול אני ליפטור את כל העולם מן הדין וכו' ומסקו מאי אני יכול לפטר דקאמר? מדין תפילה! **כי דין תפילה הוא כלל הדין והחשבון של אדם כי אלמלי היה זהיר ורגיל בתפילה כראוי היה זוכה לתקן הכל!** וכמבואר גם במפרשים מעין זה **וכמבואר אצלינו במקום אחר שזה נלמד מענין נערה המאורסה שעיקר החיוב שלה למיתה רחמנא לצלן, הוא על דבר אשר לא צעקה** וכו' (עיי"ש)".

[סב] דברים כב, כד.

[סג] עי' שיחות הר"ן קמ"ה, וזל"ש: "גם אמר **שכשעושין מהתורות תפלות נעשים מזה שעשועים גדולים למעלה שלא עלו לפניו יתברך שעשועים גדולים כאלה מימות עולם!** כנדפס כבר בהקדמת ה(ליקוטי) תפילות".

[סד] עי' משניות אבות פ"ג, מי"ז: רבי אלעזר בן עזריה אומר ...הוא היה אומר, **כל שחכמתו מרובה ממעשיו, למה הוא דומה, לאילן שענפיו מרובין ושורשיו מועטין, והרוח באה ועוקרתו והופכתו על פניו**, שנאמר (ירמיה יז), והיה כערער בערבה ולא יראה כי יבוא טוב ושכן חררים במדבר ארץ מלחה ולא תשב. אבל כל שמעשיו מרובין מחכמתו, למה הוא דומה, לאילן שענפיו מועטין ושורשיו מרובין, שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו, שנאמר (שם), והיה כעץ שתול על מים ועל יובל ישלח שרשיו ולא יראה כי יבא חם, והיה עלהו רענן, ובשנת בצורת לא ידאג, ולא ימיש מעשות פרי".

ער, אז די מעשיו ביי אונז איז 'תפילה'; אז איך לערן א זאך, זאל איך מאכן פון תורות תפילות, דאס איז די מעשיו[סה]. אויב ס'איז דא חכמה און תורה - און קיין תפילה איז נישטא, וועל איך קיינמאל נישט קומען דערצו, עס וועט זיין "רוח באה ועוקרתו" - עס וועט קומען א ווינט און אים אויסרייסן און איבערקערן על פניו; אז עס קומט א ווינטעלע, עס קומט א נסיון, גיט עס א קער איבער און א רייס אויס, "הופכתו על פניו".

אין די פריערדיגע דורות איז געווען אזא מין תורה לשמה, עס איז געווען אזא מין היילינג גוף, אז מען האט געקענט האבן חיות פון תורה אליין[סו]; די תורה (לערנען) איז געווען אזוי הייליג, אזוי מזוכך. אבער היינט מוז מען מצרף זיין מיט תפילה, איך דארף בעטן דעם אויבערשטן איך זאל מקיים זיין וואס איך לערן, איך זאל ניצול ווערן פון דער עונש פון 'חכמתו מרובין ממעשיו', וואס אז עס קומט אונטער א נסיון, רייסט ער אים אויס אינגאנצן, ער קערט אים איבער אינגאנצן.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דאס מקיים געווען, ער איז געווען א געוואלדיגער למדן, א למדן עצום אין נגלה און נסתר - אבער תפילה! ביי אים איז נישט געווען קיין 'חכמתו מרובה ממעשיו'.

❖

[סה] עי' ליקוטי הלכות ראש חודש ה"ה, אות כ"א: "וזה בחינת צילתה מרובה מחמתה, כי בהסוכה מעורב הצל והחמה, שהם בחינת תורה ותפילה, אבל הצל צריך שיהיה מרובה, **כי עיקר היא התפילה, שהוא בחינת יראה, בחינת ראשית חכמה יראת ה' וכו', בחינת מעשיו מרובין מחכמתו, כי תפילה כזאת היא בחינת מעשה** וכו'".

[סו] עי' ספר בעל שם טוב על התורה, פר' ואתחנן, אות כ"ו: "**בדורותינו שאנו במעט השכל, מאוד מאוד צריך להתחזק ביראתו יתברך שמו**, ולהתבודד מחשבתו תמיד ביראה ובאימה, **ואפילו בעת הלימוד טוב לנוח בכל פעם מלימודו, ולהתבודד מחשבתו, ואף שמחמת זה יתבטל קצת מלימודו, כי לא המדרש וכו'** (אבות סו"פ א'), עכ"ל, ועייעו"ש. גם עיי"ש באות כ"ז: "**ועוד כלל אחר שלא להרבות בלימוד בלבד, כי בדורות הראשונים שהיה שכלם חזק ולומדים בקדושה עליונה וגדולה, לא היו צריכים לטרוח עצמם על היראה, שהיראה היתה תמיד נגד פניהם, והיו יכולים ללמוד הרבה, אבל אנו ששכלינו מעט, אם נתבטל מחשבותינו מן דביקות השם יתברך, ורק נלמוד הרבה בלבד, ח"ו נשכח יראת השם מאתנו**, והיראה הוא עיקרית כדכתיב (ישעיה ל"ג) יראת ה' הוא אוצרו, וכמו שכתוב בס' ראשית חכמה (שער התשובה פ"ב) לכך צריך להמעיט קצת בלימוד, ולחשוב תמיד בגדולת הבורא יתברך שמו, כדי לאהוב אותו ולירא מלפניו, ולא יחשוב במחשבתו מחשבות רבות, רק מחשבה אחת כמו שכתבתי".

# והיה האוכל לפקדון

מען ווייסט דאך גארנישט, יעדער איינער דארף זיך טאקע משמח זיין, אבער מען דארף זיך אויך צוגרייטן. ר' נתן רעדן דארטן[סז]: "והיה האוכל לפקדון", אז כאטש ס'איז געווען זיבן זאטע יארן אין מצרים, עס האט זיך געוואלגערט עסן אין די גאסן, מען האט נישט געהאט וואו צו לייגן די ברויט - זיבן זאטע יארן, ביז זיי האבן גאר פארגעסן אינגאנצן - יוסף הצדיק האט דאך מודיע געווען אז עס וועט זיין א הונגער שפעטער, אבער זיי האבן גארנישט צוגעגרייט.

"והיה האוכל לפקדון" - מאכט א פקדון! איצטער דארף ער טאקע נישט קיין אוכל, עס וואלגערט זיך אין אלע גאסן, אבער ער ווייסט אז עס וועט דאך אמאל זיין א הונגער, און ווער ווייסט וואספארא הונגער?! - און אזוי ביי יעדן איינעם: איצטער האט ער נישט קיין נסיונות, ער האט פרנסה, ס'איז אים פיין און גוט, קיינער טשעפעט אים נישט, די בני בית טשעפעט אים אויך נישט - **'גרייט צו! דו ווייסט נישט וואס קען אלץ אנלויפן אין דעם עולם, מאך א פקדון, לייג איצטער אוועק!'** - "והיה האוכל לפקדון (וכו') ולא תכרת הארץ ברעב", דאן וועסטו האבן מיט וואס זיך צו מחיה זיין!

(דער אויבערשטער זאל העלפן) מען זאל מאריך ימים זיין, מען ווייסט נישט וואס (וועט זיין), אבער אז מען גרייט צו א פקדון, האב איך א פקדון! "ולא אתה בן חורין ליבטל ממנה"

---

[סז] הל' חנוכה ג' אות ז', וזל"ש: "לכל אדם יש ימי טוב וימי רע, ובעת שמתגברין, חס ושלום, הימי רע על האדם וקשה לעמוד נגדם, הוא צריך להשתמש עם כח הימי טוב שהיה לו בתחלה, דהינו מה שזכה לעשות טוב מקודם, על כן כל זמן שאפשר בידו לעשות איזה טוב הוא צריך לחטוף מאד ולמהר לעשות הרבה הרבה טוב עד שלא יבואו הימי הרעה, חס ושלום, כולי האי ואולי יוכל להתגבר על ידי זה להכניע הימי רע, **שזהו בחינת יוסף הצדיק שאסף וקבץ אכל בשני השבע כדי להחיות עם רב בימי הרע, כמו שכתוב, והיה האוכל לפקדון וכו', כדי שעל ידי זה לא יוכלו הימי רע לשלוט על ישראל, כי מחיין עצמן ומתגברין עליהם על ידי הטוב שאסף בימי הטוב, שזהו בחינת האוכל שאסף יוסף בשבע שני השבע כי למחיה שלחו האלקים להחיות עם רב"**.

- זאגט ר' טרפון אין די משנה[סח], 'דו ביסט נישט קיין בן חורין ליבטל ממנה', דו קענסט נישט זיין (ליידיג), דו ווייסט נישט וואס עס וועט זיין, **"והמלאכה מרובה"** - גיי, טוה!

[סח] משניות אבות פ"ב, מט"ו-ט"ז: "**רבי טרפון אומר, היום קצר והמלאכה מרובה, והפועלים עצלים, והשכר הרבה, ובעל הבית דוחק.** הוא היה אומר, **לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין ליבטל ממנה**".

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **מנחם דוד לאנדא**
הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

מוה"ר **מרדכי יצחק פערלשטיין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בנו
החה"ח כמר **שלמה זלמן** ני"ו
למזל טוב

מוה"ר **יעקב אילאוויטש**
הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב**
ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה